STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03030

DERASHOT MEHA-HAYIM VEHA-TEVA

Aaron Reuben Charney

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דרשות מהחיים והטבע

פאפולערע דרשות
פון לעבען און נאַטור

אפּפּיעלס פאַר חיזוק התורה — ישיבות — ת"ת.
חינוך — בית הכנסת — צדקה, וכו'.
לימים נוראים ולכל השנה

— מאת —

הרב אהרן ראובן טשארני

בן לא"א, מורי ומדריכי, יא"ב, ר' יצחק שליט"א.
רב דאגודת בתי הכנסיות, בבעיאן., ניו דזשערזי.

— חלק ראשון —

**

— Copyright 1933. —

Rabbi Aaron R. Charney
40 West 21st Street
Bayonne, N. J.

Anglo-Hebrew Press. 372 East Houston Street., New York.

א פאר ווערטער צו דער צווייטער אויפלאגע.!

אין פערלויף פון די ניין חדשים זינט מיין ספר איז ב"ה ערשינען צום ערשטען מאהל — אלול תרצ"ב — האב איך ערהאלטען פיעלע דאנק בריעף פון רבנים, דרשנים און בעלי בתים פון אלע שיכטען. עס איז אויך אין דער פרעסע ארוים געזאגט געווארען קריטיק.

צו דרוקען אלעם איז אונמעגליך, איך וועל נור איבער גע־בען די מיינונג פון א טהייל פון דער פרעסע, ווייל די פרעסע דריקט אוים דעם דעת הקהל, פיהלט וואס די פאלק פיהלט. פערשטעהט אין וואס די פאלק נויטיגט זיך לויט די אומשטענ־דען און בעגריפען פון דער צייט און ארט.

און אז די ווירדיגע קריטיקער האבען ריכטיג אוים געדריקט דעם פאלק סענטימענט בעווייזט דער פאקט: דאס נים קוקענדיג אויף דער שלעכטער עקאנאמישער לאגע איז ב"ה אין פערלויף פון איינינע חדשים צייט פערקויפט געווארען די ערשטע אויפלאגע.

איך גיעב א שבח והודיה צו השי"ת פאר דעם זכות דאס מיינע ווערטער האבען געפונען חן אין די אויגען פון מיין פאלק. און איך בין מתפלל צו גאט ב"ה דאס איך זאל זוכה זיין אויך אין דער צוקונפט צו קענען דינען מיין פאלק, ווייל דאס איז דער אמת'ער גליק פון א מענשען צו טהון גוטעס מיט די פעהיגקייטען און מעגליכקייטען מיט וועלכע גאט ב"ה האט איהם געבענשט.

סיון תרצ"ג בעיאן, ניודזשוירזי.

— המחבר. —

הרב הגאון המפורסם וכ"ו מוה"ר אברהם זקהיים שליט"א, מחבר הספרים: "נטעי איתן ששה חלקים, התורה והמלאכה", ומלפנים עורך ומו"ל "הפסגה", כותב:

ב"ה, פתח תקוה, ארץ ישראל, ג' כ"א כסלו. תרצ"ג.

מהררי קודש ברכה ושלום וכט"ס אל כבוד ידידי היקר והנעלה וכו' הרב וכו' אהרן ראובן טשארני נ"י.

אחדשה"ט באהבה.

ספרו היקר קבלתי, עברתי עליו משער לשער ונהנתי עד מאד מפני שהוא כולו מחמדים, ולא יסולא בכתם אופיר כל מלה ומלה, כי כל דבריו נאמרים ביושר הגיון ומן הנסיון. והרצתי דבריו לפני כמה מגדולי התורה וגם הם נהנו מהם. והנני בברכתי כי חפץ ה' בידו יצליח ויזכה להפיץ מעינותיו חוצה. ולפי דעתי דבריו הנאמרים באמת וצדק היוצאים מלב קדוש, יכנסו בלבות עם קדוש ויפעלו עליהם לשוב אל ה' ואל תורתו.

ובדעתי היה לרשום לפניו את הדברים שנהנתי מהם עד להפליא, אבל שבתי וראיתי כי עלי לרשום כל ספרו, כי מכל מלה ומלה ומכל רעיון ורעיון נהנתי בהפלגה.

למשל: "משלשה מלים נתגדל ר"ע, ומארבעה נהפך אחר, המשל עם התינוק, וכן הכהנים כ"ו כ"ו."

והנני מגיש לכה"ר תודתי וברכתי בעד ספרו ששלח לי. ובזה הנני ידידו בלו"נ המברכו בהרמת קרנו מעלה מעלה.

אברהם זקהיים.

ת ב ו נ ה, ירושלים, טבת, תרצ"ג.

דרשות מהחיים והטבע.

יש כאן נסיון מוצלח מאד לתת לעם דרשות פיפולירויות בשפה המדוברת בסגנון מודרני כדי לקרב לבבות ישראל לאביהם שבשמים, ענין הדרשנות שירד בימינו למדרגת נמוכה קבל את תקונו שם באמריקה על ידי שינוי הצורה החיצונית והלבשתו צורה מודרנית.

הספר הזה מציין איטפה חשובה מאד בהתפתחות הדרשנות בשמשו מפתח בשביל דור החדש אל פרדם האגדה שלנו.

מר. פרץ וויערניק נ"י, עורך "המארגען זשורנאל" נויארק, כותב במארגען זשורנאל ביום א' כ"ח חשון תרצ"ג: נאוועמבער 27, 1932.

דער ספר "דרשות מהחיים והטבע", פון הרב ר' אהרן ראובן טשארני, רב דאגודת בתי כנסיות בבעיאן, ניו דזשוירזי, ארויסגעגעבען פון הוצאת בית מסחר ספרים פרדם (ניו יארק, תרצ"ב. האלט ארום 150 זייטען און איז געשריבען אין אידיש, נור ער איז דורכגעקנאטען פון אזוי פיעל פסוקים, מאמרי חז"ל און אנדערע ציטאטען אין לשון קודש, אז מען מוז איהם באטראכטען אלס צוויי-שפראכיג, דער שדוך צווי-שען אונזערע צוויי לשונות האט דא געפיהרט צו א גוטע מערכה, איינע העלפט די אנדערע, און מען דארף זיין א שטיקעל יודע ספר צו פערשטעהן גרינדליך, וואס דער מחבר זאגט, כאטש די ערקלעהרונגען און דער מוסר השכל אין אידיש זיינען גאנץ גוטע.

די 15 דרשות, פון וועלכע דער ספר באשטעהט, געהערען צו די געוועהנליכע געלעגענהייטען, פאר ימים נוראים, פאר חנוך, צדקה און עהנליכע אויפגאבען אין אידישען לעבע, א וואַרימער מאַראַלישער גייסט הערשט אין דעם גאַנצען ספר. און דער מחבר, וועלכער רעדט ווי אַן אָרטאָדאָקסישער רב, צו וועמען מאָדערנע בעגריפע זיינען אינגאַנצען פרעמד, דער־מאָנט דעם "נס אַמעריקא", וואָס עס איז דאָ אויפגעוואַקסען אַ אידישער קבוץ, וועלכער האָט געקענט אַזוי פיעל טהאָן פאַר די אידען פון אַנדערע לענדער. דער פערגלייך פון אונ־זער תורה צו דעם "נאָן־קאָנדאַקטאָר" בוים אין אינדיע, אונ־טער וועלכען מען באַהאַלט זיך אין אַ שטורעם, ווייל ער ווערט קיינמאָל ניט געטראָפען פון בליץ, און דער געדאַנקען, אַז דער כהן גדול פלעגט מתפלל זיין אויף די אנשי השרון "שלא יעשו בתיהם קבריהם", אַז זיי זאָלען ניט פערפלייצט ווערען פון אַסימילאַציע, גיט אַ בעגריף פון די מעטהאָדע פון בעהאַנדלונג צוגעלייגט צו די פשטים, אויסטייטשונגען און דברי מוסר פון אַ גוטען דרשן.

ווי מען זעהט פון די בעגריסונגען, איז דער מחבר געוועזען פריהער ביי די עדת האָרטאָדאָקסים פון סטעפני והסביבה, לאָנדאָן. דאַן אין בירמינגהעם ענגלאַנד, און שפּעטער אין רע־וויער, מאַס. פאַר די לעצטע ניין יאָהר איז ער אין בעיאָן, און בעדאַנקט די קהלה, וועלכע האַלט איהם אוים בכבוד.

מר. מרדכי דאנצים נ"י, סופר "הטאג" ניו יארק, כותב ב"טאג" מיום ג' כסלו תרצ"ג: דעצעמבער 2 1932.

פאר מיר ליגט א נייער ספר פון הרב אהרן טשארני, וואָס איז איצט דער רעליגיעזער פיהרער פון דער קהלה אין בעיאן ניו־דזשורזי,

דער ספר איז א זאמלונג פון דרשות וואס הרב טשארני האט געהאלטען אויף פארשידענע רעליגיעזע און אלגעמיינע אידישע פראגען.

צייכענען זיך אוים די דרשות מיט זייער פיינעם, גלאט־טיגען אידיש און אויך מיט אן אינטערעסאנטען אינהאלט. פאראנען אין די דרשות טיפזיניגע לומדות און אריגינעלע געדאנקען.

וב"טאג" של כ" כסלו תרצ"ג מביא הסופר הנכבד הנ"ל תמצית מדרוש אחד של המחבר וכותב בז"הל:
איינער פון די גרעסטע נסים אין דער גלות געשיכטע

פון אידען איז — דער נס אמעריקא — זאגט הרב אהרן ראובן טשארני.

הרב אהרן ראובן טשארני, וועלכער פארנעמט איצט דעם כסא הרבנות אין בעיאן, נ. דזש. איז איינער פון די וויכטיגסטע און חשוב'סטע ארטאדאקסישע רבנים אין אמעריקא. אונז איז אויסגעקומען צו שרייבען נים לאנג צוריק אין א קורצער בעמערקונג וועגען דעם אויסגעצייכענטען ספר וואס הרב טשארני האט פארעפענטליכט. דאס איז א זאמלונג פון זיינע דרשות, אין וועלכע ער ווייזט זיך ארוים פאר א גייסט־רייכער פערזענליכקייט און פאר איינעם וואס איז גוט באקאנט מיט דעם מצב פון אידענטום אין אמעריקא און מיט די פראבלעמען וואס די היגע אידען, איבערהויפט די ארטאדאקסישע, האבען פאר זיך דא אין לאנד, מיר גיבען אן אויסצוג פון איינער פון הרב טשארנים דרשות אין וועלכער ער באהאנדעלט: "וואס אמעריקע האט געמיינט פאר די אידען וואס האבען איינגעוואנדערט אהער".

THE BAYONNE, TIMES, Sept. 30, 1932.

RABBI CHARNEY'S BOOK PUBLISHED

A book of sermons written by Rabbi AARON CHARNEY, spiritual leader of the Congregation Beth Abraham, and said by critics to contain exellent examples of powerful preaching, has just been issued.

The book is called "Popular Addresses from Life and Nature" and it is said it will appeal both to the intellectual and the layman. In reading the book, it has been pointed out one is not aware that the addresses are sermons. They seem far more like heart to heart talks between author and reader, it is said.

Rabbi Charney's volume, containing twenty sermons in Yiddish. possesses rich style and was published at the constant demand of admirers of the Rabbi who during the twenty five years he has served in the rabbinate in England and the United States has deeply impressed his hearers by the wisdom and depth of his sermons.

* *

Rabbi Charney's book "Sermons From Life and Nature" is exceptional in its field offering a rich variety of matter for the construction of modern sermons in the spirit of Jewish tradition.

— M. F. Keller

Associate Editor, Anglo-Hebrew Press.

* *

I heartily recommend Rabbi Charney's book as one of the best in its field.

— Samuel Ish Shalom.

ספרי זה מוקדש

לזכרון נשמת אמי

מורתי היקרה, והצדקת

מרת **ביינע חיה** ז"ל.

בת ר' אברהם ופייגע רומיאנעק נ"ע.

נולדה בזעמבראווע בפולין. בשנת תרכ"ד.

נפטרה בש"ט ביום ג' שבט, תר"צ בניו יארק.

ומנוחתה כבוד בבית הקברות של החברה

"אוהבי שלום אנשי סאקאלע"

ע"ש הר לבנון בניו-יארק.

תנצב"ה

בנה המתאבל עליה,

המחבר.

מזכרת נצח. לנשמת חמי.

למדן מופלג וי"א"ב

מו"ה זאב דאלאוויטש ז"ל

בן ר' יעקב ופיגע, נ"ע. נולד בריגראד פוילין. שנהרג ר"ל על ק"ה בראשית המלחמה.

כ"ה לחודש מנחם אב תרע"ד. בראצקי פוילען, ושם מ"כ.

ולנשמת חמותי הצדקת.

שהשגיחה עלי כאם רחמניה לבל יחסר לי דבר, כדי שאלמוד תורה מתוך הרחבה,

מרת חיהביילע דאלאוויטש ז"ל

בת ר' אליעזר צבי וקלארע אפפענהיים נ"ע.

נולדה בראצק, פולין. בשנת תרכ"ט.

ונפטרה בש"ט ערב סוכות תרפ"ה בבעיאן, ניו דזשוירזי.

ומנוחתה כבוד בבית הקברות של חברה בית אברהם על שם באראן הירש, סטעטען איילאנד.

— תנצב"ה —

לזכרון נשמת דודי היקר, אחי אמי ע"ה, חסיד ועניו איש תם וישר וירא"ב, דורש טוב לעמו, הרבני המופלג מוה"ר ר'

זאב יהודה צבי ב"ר אברהם

רומיאנעק. הנדע בשם: המגיד מנאווי - מינסק.

ולזכרון נשמת רעיתו דודתנו היקרה והצנועה אשת חיל אמיתית שעמלה ויגעה כל ימיה, כדי לפרנסו שיוכל לישב בבית ה' ולעסוק בתורה ועבודה. מרת **הינקה** ע"ה.

שמתו בלי בנים ר"ל. ותולדותיהם של צדיקים מעשיהם הטובים ומנוחתם כבוד בווישאקע מאזאוויעצק, פולין.

— תנצב"ה —

בן יכבד אב.

שפע ברכות ישפיע ה׳ לא״א מורי ומדריכי יא״ב, אוהב תורה ומוקיר ורחים רבנן, שהשתדל ממש במסו״נ לגדל בניו לתורה וי״ש,

כש״ת מו״ה **יצחק טשארני** נ״י.

ב״ר יהודה זאב ושרה נ״ע

יאריך ה׳ ימיו ושנותיו בטוב ובנעימים וישבע רוב נחת מצאצאיו ומצאצאי צאצאיו.

המחבר

מנשים באוהל תברך.

רעיתי היקרה הרבנית המלומדת מרת

מרים המכונה **מאריאשיל** תחי׳,

העומדת תמיד על ימיני, כעזר אמיתי, לעזרני בעבודתי עבודת הקודש,

יחזק ה׳ את בריאותה ונזכה יחד לגדל את בנינו ובנותינו על מבועי התורה והחכמה וביראת ה׳ טהורה.

כברכת בעלה המכבדה כערכה הרם.

המחבר

מזכרת תודה וברכה

להק"ק ששמשתי אצלם בכתר הרבנות הלא הם:
ביהכ"נ דעדת הארטהאדאקסים דסטעפני והסביבה בלונדון חבירה. ביהכ"נ דרחוב הוירסט בבירמינגהאם, ענגלאנד, ביהכ"נ תפארת ישראל ברעוויער מאסס.

אמנם, רחוק אני מהם אבל קשור אני באהבתם בלו"נ. כי כמים הפנים לפנים וגו'.

ישלם ה' פעלם ומשכרתם שלמה מאת ה' מן השמים. בעבור כל הטוב והחסד שעשו אתנו, לי ולבני משפחתי בשכננו אצלם.

כברכת אוהבם.

המחבר

וכן אברך בתשיאות חן וכבוד להק"ק המפורסמה חברה בית אברהם פה בעיאן, ניו דזשוירזי, שזה כתשע שנים שאני משמש אצלם בכתר הרבנות ומסורים לנו בידידות ובאהבה נאמנה.

וכן אביע את ברכתי להק"ק, חברי אגודת בתי הכנסיות דפה, שמחזיקים ותומכים בי בעבודתי הקדושה והם

ביהכ"נ אוהבי שלום אנשי ספרד.
ביהכ"נ אגודת אחים.
ביהכ"נ אוהבי שלום אַפּטאָון.
ביהכ"נ אוהב צדק אנשי אונגארן.
וחברה נוסח הארי.

ישלח להם ה' את ברכתו מציון ויריק להם ברכה והצלחה עד בלי די.

כעתירת אוהבם.

המחבר

על הטוב יזכרו שמות אחי ואחיותי, קרובי ואוהבי

החרותים על לוח לבי, הלא המה:

אחי יקירי הגביר הנכבד, נדיב לב כ"מר

אברהם זאב טשארני ורעיתו רייזיל ובתם. נ"י.

אחי יקירי, משכיל על דבר ה' ויקר ערך החתן

שמואל משה טשארני נ"י.

אחותי היקרה, נדיבת הלב מרת

שרה רבקה

וגיסי יקר הרוח ובעל מדות טובות כ"מר

שמעריל לעווין וב"ב נ"י.

אחותי היקרה, מרת חוה

וגיסי מר משה מאכטינגער וב"ב נ"י.

דודנו היקר הגביר הנכבד ומפורסם

ר' שלמה דוב אפפענהיים

ב"ר אליעזר צבי. ורעיתו הצנועה מרת

חיה שרה וכל משפחתם נ"י.

דודנו היקר, הגביר הנכבד נדיב הלב, המסור לנו בלו"נ כ"מר

אהרן ב"ר אליעזר צבי אפפענהיים

ורעיתו הכבודה והמפורסמה בטובת לבה

מרת איידע וב"ב נ"י.

דודנו היקר הנכבד דוד ב"ר אליעזר צבי אפפענהיים

ורעיתו הכבודה מרת בעסי וב"ב נ"י

דודתנו הכבודה מרת
בײלע דינה אפפענהיים וכל משפחתה נ"י.
אלמנת דודנו היקר המנוח ר' יצחק ב"ר אליעזר צבי נ"ע.

———*◻*———

דודתנו הכבודה מרת דינה סג"ל וכל משפחתה
אלמנת דודנו המנוח ר' פרץ נ"ע, בן הגאון המפורסם ר' חיים
סג"ל זצ"ל הנדע בשם ר' חיים ראצקער — או יאנעװער,
מחבר ספר שו"ת אורח לחיים על ד' חלקי שו"ע.

———*◻*———

דודתנו הכבודה מרת מלכה **אפפענהיים** וב"ב נ"י,
אלמנת דודנו היקר המנוח ר' יוסף ב"ר אליעזר צבי נ"ע.

———*◻*———

דודתנו הכבודה מרת **גיטעל אפפענהיים** וב"ב נ"י.
אלמנת דודנו היקר המנוח ר' אברהם ב"ר אליעזר צבי נ"ע

———*◻*———

ש"ב היקר, הרבני המופלג ושנון, זך הרעיון ובעל מדות טובות,
משכיל על דבר ה' כש"ת מוה"ר יוסף ב"ר אלכסנדר זיסקינד
גוטענבערג ורעיתו הכבודה וכל משפחתם נ"י.

———*◻*———

ידידי הגביר הנכבד אוהב תורה, מוקיר ורחים רבנן, יא"ב, רודף
צדקה וחסד כש"ת מו"ה ר' **אלכסנדר זיסקינד** ב"ר **שלמה**
יהודה **פעלדמאן** וכל משפחתו נ"י.

———*◻*———

ידידי הגביר הנכבד אוהב תורה, מוקיר ורחים רבנן. שומר מצות
ובעל מדות טובות כש"ת מו"ה ר' **יעקב** ב"ר משה דוד **מילער.**

———*◻*———

ישאו כולם ברכה מאת ה' וצדקה מאלקי ישענו,
יבלו בטוב ימיהם ושנותיהם בנעימים.
ועוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו.
כעתירת ש"ב, וידידם המחבר.

———*◻*———

דרוש במקום הקדמה

וועלכע דרשות האָבען די שטאַרקסטע ווירקונג?— שלמה המלך'ס עצה צו קלוגע דרשנים — אַ דרשה פון דריי ווערטער וועלכע האָט געהאַט אַ געוואַלדיגע השפּעה: „צו מאַכען פון אַ גרויסען עם הארץ אין עלטער פון פערציג יאָהר — אַ שונא פון ת"ח, פאַר'ן גרעסטען תלמודישען ריעז".— פאַר וואָס?—אַ צווייטע דרשה פון פיער ווערטער, וועלכע האָט פאַרקערט געווירקט: „מאַכענדיג פון אַ גרויסען, תנא, וועלכער האָט געשפּאַצירט אין פּרדס, פאַר אַ רשע". פאַר וואָס? — די שרעקליכע לאַגע פון רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע — די עצה צו דעם — ק"ש לייענען בקול רם — וואָרום דער ספר איז געשריבען אין אידיש?

תורת חכם מקור חיים לסור ממוקשי מות, (משלי, י"ג, י"ד).

שלמה המלך ע"ה גיט אין דיעזען פסוק א'עצה צום חכם-דרשן. וואָס וויל וויזען דעם פאָלק דעם דרך החיים. און— „לסור ממוקשי מות". אום צו מיידען די טויט-נעטצען. זאָל ער זיין מוסר—תורה שעפּען פון — „מקור חיים". לעבענס-קוואַל.

זיינע מוסר-רייד זאָל ער בעפּוצען מיט **בילדער**, גענומען פון נאַטור, לעבען און טאָג-טעגליכע פּאַסירונגען. ווייל דאַמאָלס ווערט דער מוסר וואָס ווערט אַרויס געבראַכט פון פסוק אָדער מאמר חז"ל אויסגעקריצט אין זכרון.

דעריבער ווערט שפראך היינט געלערענט צו קינדער מיט דער הילף פון ציורים.

ווען שלמה האט געוואלט זאגען א מוסר דרשה וועגען — עצלות, — דער מקור פון השחתה, האט ער דעם עצל געראטהען צו בעאבאכטען דעם לעבען פון דער מוראשקע וועט ער ווערען קלוג.

"לך אל נמלה עצל ראה דרכיה וחכם", (משלי, ו׳, ו׳) (ועיין חולין נ״ז ע״ב, ומ״ר דברים).

ווען די תורה וואלט ניט געגעבען געווארען צו אידען, זאגט ר׳ יוחנן, (עירובין, ק׳, ע״ב), וואלטען מיר אבגע-לערענט די וויכטיגסטע יסודות, אויף וועלכע די געזעלשאפט האלט זיך, ווי צניעות, בעשיידענהייט, גזילה, רויב ; עריות. מאראלישע אנשטענדיגקייט און שעהנעם פאמיליען לעבען. פון דער קאץ, מוראשקע און טויב. (ועיין עקרים, מ״ג, פ״א).

רבי עקיבא, דער גרעסטער פון די תנאים. דער משה רבינו פון תורה שבעל פה, ווען משה רבינו האט געהאלטען גרעסער פון זיך, און ער האט געזאגט צו גאט : "דו האסט אזא גרויסען מענש און דו ווילסט געבען די תורה דורך מיר"? (עיין מנחות, כ״ט), איז געווען ביז פערציג יאהר אן אונווי-סענדער פאסטוך, און זיין שנאה צו ת״ח איז געווען זייער גרויס.

רבי עקיבא אליין דערצעהלט וועגען דעם :

"כשהייתי עם הארץ אמרתי מי יתן לי ת״ח ואנשכנו כחמור" (פסחים, מ״ט).

"ווען איך בין געווען אן עם הארץ פלעג איך זאגען: "גיט מיר א תלמיד חכם וועל איך איהם צו בייסען און צו ברעכען זיינע ביינער ווי עם טהוט אן אייזעל".

ווער איז עס געווען דער רבי וואס האט איהם איבער געאנדערשט ?

ווער האט עס אין איהם ערוועקט אזא גוואלדיגען חשק צום לערנען ?

ווער האט עס אין איהם אריין געגעבען אזא איבער־נאטירליכע התמדה ?

"א קליינינקער, שוואכינקער טראפען וואסער".

אמאהל האט רבי עקיבא צו געבראכט זיינע שעפסען צו א ברונים וואסער זיי אנצוטרינקען, האט ער געזעהן א לאך אוים געגראבען אין א שטיין, און ער האט געפרעגט : "ווער האט געמאכט די לאך אין דעם שטיין" ? האט מען איהם געענטפערט : "די טראפענס וואסער וואס פאלען אויף איהם שטענדיג אהן אן אויפהער". האט עס איהם זייער געוואונדערט, האט מען צו איהם געזאגט, וואס וואונדערט דיר אזוי ? ווייסטו נים אז : "אבנים שחקו מים". (איוב, י"ד), אז שטיינער, וואס ליגען אונבעוועגליך, ווערען אויסגעריבען פון וואסער, זאגאר פון טראפענס, וועלכע טריפען אויף איהם מיט התמדה, מיט פלייסיגקייט שטענדיג טאג־טעגליך ? אין דעם מאמענט האט א בליץ געטהאן אין זיין מח א קל וחומר : "מאדאך ווייכע טראפינס וואסער קענען צורייבען הארטע שטיינער און זיי באזיגען, א כל־שכן תורה, וועלכע איז שטארק ווי אייזען, קען דאך געווים צורייבען און בעזיגען א מענשישע הארץ, וואס ווי פערהארטעוועט און פערגרעבט זי זאל נים זיין, איז זי דאך מעהר נים ווי געמאכט פון פלייש און בלוט". (אדר"נ, פ"ו).

פון דאמאלט אן האט שוין דער בילד פון די טראפענס וואסער ווי זיי פאלען אויפ'ן שטיין איהם נים אבגעלאזען; אומעדום וואו ער איז געווען האט ער געהערט די

שטילע, בעשיידענע טיף, טיף, טיף פון די טראַפּענס אויפ'ן שטיין, וועלכע האָבען אין זיינע אויערען געקלאַפּט ווי די שטורעמדיגע כוואַליעס פון ים, פון וועלכע עס האָט זיך גע־הערט דער עכאָ פון: "אבנים שחקו מים".

— אַ דרשה פון דריי ווערטער. באַגלייט מיט אַ נאַטור־בילד פון טראַפּענס וואַסער מיט אַ שטיין, וועגען דעם כח פון התמדה, חשק, געדולד און אויסדויער האָבען געמאַכט פון אַן אוגוויסענדען פערציג יאָהריגען פּאַסטוך, דעם גרעסטען אידי־שען תורה־ריעז, פון אַלע דורות. —

מיר ווילען דאָ ציטירען נאָך אַ דרשה פון פיער ווערטער, באַגלייט אויך מיט אַ בילד פון לעבען, וועלכע האָט; צום בעדויערען, געהאַט אַ פאַרקערטע, טרויעריגע ווירקונג; אויף איינעם פון די גרויסע תנאים. ר' מאיר, וועלכער האָט געטהאָן בעלייכטען די אויגען פון די חכמים אין דער תורה, איז געווען זיינער אַ תלמיד מובהק, אויך איז ער געווען אַ חבר פון רבי עקיבא.

ביידע רבי עקיבא און ער זיינען אריין גע־גאַנגען אין פרדס, (חגיגה י"ד), ד"ה: זיי האָבען זיך אַזוי פערטיעפט אין דער תורה, אַזוי הויך אויסגעשטיגען אין לערנען, דאָס זיי זיינען צו געקומען צו די סודות פון — מעשה בראשית — און -- מעשה מרכבה, — זיין נאָמען איז געווען:— אלישע בן אבויה. — צום סוף איז ער אַרויסגעגאַנגען ר"ל לתרבות רעה. פאַר וואָס מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען — אחר — פרעמדער. וואָס איז געווען די סבה?

"אַ דרשה פון פיער ווערטער, באַגלייט מיט אַ שרעקליכען בילד": "ער האָט געזעהן ווי אַ הונד שלעפּט אַרום אין זיין מויל די פערבלוטיגטע צונג פון ר' יהודה הנחתום". אַ מורא'דיגע ווירקונג האָט אויף איהם דער בילד געמאַכט,

און אין זיין קאפ האט זיך אוועקגעשטעלט די פראגע: "זו תורה וזו שכרה"? "איז דאס דער שכר פאר תורה"? (כן מביא הנוסחא באוצר ישראל להחכם י"ד אייזענשטיין, ועיין בקידושין ל"ט ע"ב, ובתוספות חגיגה דף ט"ו ע"א).

— די אייביגע פראגע וועלכע משה האט געפרעגט ביי גאט: "מפני מה צדיק ורע לו"? —

דער בילד פון דער בלוטיגער צונג פון ר' יהודה הנחתום האט איהם אומעדום פארפאלגט. און די פראגע פון— זו תורה וזו שכרה? — האט איהם ניט אבגעלאזען, און איהם פערוואנדעלט פון אן — אלישע בן אבויה — אין אן—אחר.—

מיין פראקטיקע פון א פערטיל יאהר הונדערט, וואס איך האב דעם זכות פון השי"ת צו דרשנ'ען פאר אידען, האט מיר איבערציינגט אין דער שטארקער ווירקונג פון פסוקים און מאמרי חז"ל ערקלערט מיט ציורים פון לעבען און נאטור.

מיט א צייט צוריק האב איך גענומען מסדר זיין די דרשות מיינע פון דעם סארט, און געוואלט זיי ב"ה ארויס-געווען אין א ספר מיט'ן נאמען: "דרשות מהחיים והטבע". ליידער, צוליעב די שלעכטע עקאנאמישע אומ-שטענדען וואס הערשען יעצט, איז מיר ניט מעגליך עם ארויס-צוברייגנען מכח אל הפועל: און איך מוז זיך בענוגינען מיט א קליינעם טהייל וואס איך דרוק אין דיעזען ספר.

פילייכט וועט השי"ת העלפען, אז מיין ספר וועט געפינען חן און דורך דעם וועל איך האבען די מעגליכקייט ווייטער צום דרוקען.

די דרשות אין דיעזען ספר בעהאנדלען מייסטענס די שווערע אנגעווייטאגטע פראבלעמען אין וועלכע מיר ראנג-לען זיך און זוכען זיך צו ראטעווען, ווי צב"ש: "די עקזים-

טענץ פון חינוך, ת"ת, ישיבות, שוהלען און צדקה אנשטאל־טען, וועלכע שטעהען ח"ו אויפ'ן שוועל פון אונטערגאנג.

אין די זיעבען גוטע יאהר פון פראספעריטי איז זייער עקזיסטענץ אויך געווען א שווערע פראבלעמע, אבער דאמאלס האט די אידישע פאלק מעהר ניט ווי — געדרעמעלט —אונטער די מוזיק קלאנגען פון רייכטהום, מאכען א לעבען, לוקסוס, פלעזשור און פארגעניגענס; אבער א דרעמעל־דיגען קען מען נאך ווי עס איז אויפוועקען, איהם מאכען זיך צו באוועגען. און די אידישע, גייסטיגע פיהרער און בעלי בתים, ביי וועלכע דער געטליכער פונק איז געווען שטארק, פלעגען זיך באנוצען מיט דער עצה פון חז"ל:

"אם פגע בך מנוול זה". אויב דער יצר הרע פון קאלטקייט, אפאטיע, נאכלעסיגקייט צו אלעס וואס איז הייליג האט דיר בעגעגענט און לאזט דיר ניט טהאן קיין זאך. דאן "משכהו לבית המדרש". (סוכה נ"ב), שלעפ איהם מיט געוואלד אין בית המדרש. און עס איז שוין געווען פארשידענע אמעריקאנער ערפינדונגען ווי אזוי עס צו טהאן און מען האט אידען געשלעפט אין די בתי מדרשים, געשלעפט פון זיי צדקה, גע־שלעפט זיי — צו ארבייטען פאר שוהלען, ת"ת, ישיבות א. ז. וו. היינט, צום באדויערען — דרעמעלט — מען שוין מעהר ניט, היינט — שלאפט — מען.

אונטער די שטילע, דריקענדע קלאג־מוזיק, און דריקענדע טרויער־סימפאניעס פון דעפרעסיע, קריזיס, ארבייט־לאזיגקייט און ז"וו איז מען זייער שטארק — אנשלאפען — געווארען. און אזוי שטארק איז דער שלאף אז עס איז שווער אויפצוועקען, שווער צו באוועגען וועמען צו קומען אין בית המדרש, שווער אריין צו שלעפען אין א מקום קדוש, און נאך שווערער ארוים־צו־שלעפען א פאר דאלאר פאר א דבר שבקדושה.

בימים ההם, אין יענע גוטע יאָהרען, ווען די נשמה האָט מעהר ניט ווי געדרעמעלט צו אלעם וואָס איז ביי אונז הייליג און טהייער, האָבען מנהיגים אונטער פיהרערס גענומען דעם דרעמלער אונטערן ארם און ארונטער געפיהרט איהם אונ. טער א חופה פון כבוד, פובליסיטי, באנקעטען, פּאָליטיק און א. ז. וו. כאָטש דרעמלענדיג, דאָך האָט מען דערפילט דעם טעם פון א פעטען ביסען כבוד און מען האָט זיך בשעת מעשה אויפ־געכאַפּט. בזמן הזה, ווען מען שלאָפט שטאַרק, העלפט שוין דאָס אויך ניט; א מאָדענע זאַך, מען האָט פארלאָרען דעם רגש הכבוד.

מען ווארפט זיך היינט ארום מיט כבוד אין דער אידישער גאַס. אזוי ווי אין די צייטען פון חורבן ר"ל פלעגט מען זיך בעטען: "שמלה לכה קצין תהיה לנו והמכשלה הזאת תחת ידיך." (ישעי' ג. ו.) "נאדיר דעם מאנטיל פון א פיהרער, זיי אונזער האַר, נאָר נעם דיזע אונאָרדענונג אונטער דיין האַנד".

אזוי איז היינט, ביי היינטיגען חורבן, קריזיס, מען בעט זיך מיט פרעזידענטען און גבאות־מאַנטלען פון שוהלען, ת"ת און ישיבות כדי צו העלפען צו ברענגען אַביסעלע ארדע־נונג אין דעם כאָאָטישען חורבן וואָס עס הערשט ביי אונז. אָבער מען וויל ניט. מען אנטלויפט, מען פארבעהאלט זיך.

צום אונגליק איז נאָך דאָ אביסעל גליק; דער גליק בעשטעהט אין דעם, וואָס עס איז דאָ אין אמעריקע אזא זאך ווי חובות, מאַרגיידזשעס אויף וועלכע מען האָט זיך דרעמלענ־דיג, דורך כבודים—פון שישי'ס און מפטיר'ס, אָדער שלישי'ם גע'חתמ'עט. און דיזע מאָרגיידזשעס האלטען נאָך צו די שארית הפליטה פון פרעזידענטען און גבאים און באָרד אָף דירעקטאָ־רען, וועמען ביי די פּאָלעס, וועמען ביי די קלאפּעס און וועמען גאָר ביים האלדז.

און דער איינציגער ציעל פון א סך פון דיזע כלל טוערס איז נים ווי אזוי צו ראטעווען די הייליגע בתי מדרשים און אנשטאלטען נאר, ווי אזוי זיך ארויס צו דרעהען פון זיין אונטערגעשריבען אויפ'ן טארנירזש. און אז איינעם נים זיך'איין זיך אב צו טרייכלען מאכט ער די פליטה און געהט שלאפען רוהיג, א קליינינקייט, יעצט וועט מען איהם שוין מעהר נים דרעהען קיין ספאדעק, וועגען שוהלען, רבנים, ישיבות, ראשי ישיבות, ת"ת לעהרער, ארץ ישראל, חלוצים. אכלל; איצט וועט איהם שוין זיין גוט.

און די סכנה ווערט גרעסער פון טאג-צו-טאג.

די וואכענדיגע אידען, וועלכע זיינען שטענדיג געשטאנען על המשמר, אויפ'ן וואך, שטעהען פערלארען, און פרעגען מיט טרערען אין די אויגען:

וואס וועט זיין דער סוף?

זייערע נשמות ווערען צוריסען פון פיין, זעהענדיג דעם חורבן פון אלעס וואס דערגעגמערט זיך, אויב מען וועט נים ראטעווען אין ציים. אויף זייערע ליפען ליגט די פראגע וואס פאר אן עצה נים מען זיך?

איין ענטפער איז דא אויף דער פראגע, נעמליך:

"אלע וואכענדיגע אידען, וועלכע לייענען ק"ש מיט מסירות נפש, דארפען נעמען לייענען ק"ש — בקול רם — שרייען מיט די שטארקסטע כחות, צו די פערשלאפענע. שמע ישראל! הער זיך צו ישראל! "ה' אלקינו." סיי גאט פיהרט זיך מיט אונז מיט'ן —מדה הרחמים — ה' — סיי — אלקינו — מדת הדין,—איז דאס אלץ—ה' אחד,—איין גאט. ווען דו מוזט ליעבען, — ואהבת את ה' אלקיך — מיט דיין גאנצער הארץ, אפילו ווען דיר קומט אוים זיך מוסר נפש צו זיין, דיין לעבען אב

צו געבען, — בכל נפשך — און א כל שכן דיין פארמעגען — ובכל מאדך. —

דאָס גלייכען מוזטו לייענען קריאת שמע, און מכוון צו זיין, אז דו ביזט גרייט זיך צו מוסר נפש זיין פאר גאָט׳ס מצוות׳ — והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי — פאר די אידישע ערציהונג פון די קינדער, — ולמדתם את בניכם. —

שמע ישראל! הער זיך איין איד! דו דארפסט ליי־ענען ק״ש — בשחרית — ווען די צייטען זיינען גוט, בשופי, און — בערבית — אין שלעכטע צייטען, אין קריזים צייטען.

שמע ישראל! דו ביזט אַ סאָלדאט פון גאָט׳ס ארמיי.

ווען א סאָלדאט אנטלויפט פון פאָלק אין אן עת שלום, אין א רוהיגע צייט, קומט איהם א געוויסע שטראָף לויט די געזעצען פון לאנד. ווען אָבער ער אנטלויפט פון דער ארמיי אין אן — עת מלחמה — ווען זיין לאנד איז אין געפאר, דאן איז ער — חייב מיתה. — זיין שטראָף איז טויט. אזוי איז די קריגס געזעץ. —

דאָס זעלבע מיט דיר איד — בשחרית — ווען די צייטען זיינען גוט, פראָספעריטע צייטען, דארפסטו לייענען ק״ש, און ברענגען קרבנות מיט מסירת נפש פאר גאָט, זיין תורה און מצות; אויב דו טהוסט עס ניט ביזטו א בורח, אן אנטלאָפענער סאָלדאט, אָבער דיין שטראָף איז א קלענער־ער, קיין געפאר צו דיין פאָלק האָסטו ניט גורם געווען.

אָבער ווען איינער לייענט ניט קיין ק״ש—בערבית; — ער ווערט א בורח, אין מלחמה צייט, דאן איז ח״ו מארשאל לאָאָ, קריגס-געריכט, וואָיענע פאָלאָזשעניע. און פאר אזא בורח האָבען אונזערע גייסטיגע הערשער ארויסגעגעבען א שטרענגען קריגס-געריכט געזעץ. זאָגענדיג:

"וכל העובר על דברי חכמים חייב מיתה" (ברכות ד') דער וואס איז ה"ו עובר אויף די רייד פון די חכמים און לייענט ניט ביי נאכט קיין ק"ש אין ער ר"ל — חייב מיתה. —

און אז מען האט די חכמים געפרעגט ווארום אזא שטרייגען פסק וועגן ניט לייענען ק"ש ביי נאכט, אין שלעכטע צייטען?

האבען זיי געענטפערט:

"כדי שלא יהא אדם בא מן השדה". כדי א מענש זאל ניט קומען פון זיין פעלד, פון זיין ארבייט, פון זיינע מסחרים "בערב", אין א פינסטערע שלעכטע צייט, און אז מען וועט פון איהם פערלאנגען ער זאל געהן טהאן עפעס פאר הייליגע זאכען, פאר תורה, צדקה, פאר זיין פאלק, אדער גע־בען עפעס הילף, וועט ער ניט ענטפערען. אנשטאט דעם, "ואומר" וועט ער זאגען: "אלך לביתי". איך וועל בעסער געהן אהיים; אין מיין היים, איך דארף ניט פארזארגען פאר אנדערע היימען, און "ואוכל קמעא". די—קמעה—די ביסעלע פרנסה מיינע, די ביסעלע מאגערע געשניטענע שכירות, וועל איך עס אויפעסען, איך אליין מיט מיין פאמיליע, און דאס זעלבע "ואשתה קמעא". די ביסעלע וואס איך האב וועל איך עס אויסטרינקען; דער נאכדעם "ואישן קמעא" וועל איך אביסעלע שלאפען, קיין זאך ניט טהאן. לאזען מיין אידישע נשמה שלאפען.

ואח"כ. דער נאכדעם, שפעטער, ווען דער קריזים וועט זיין פארביי. צייטען וועלען ווערען בעסער. רייכטהום וועט ווייטער נעמען פליסען, ווען עס וועט ווערען ליכטיג אויף דער וועלט. די זון פון הצלחה וועט ווידער נעמען שיינען אין מיינע פענסטער, עס וועט זיין — שחרית — דאמאלט וועל איך זיך אויפכאפען פון שלאף און "אקרא ק"ש ואתפלל". וועל איך נעמען לייענען ק"ש און מתפלל זיין, ארוים ווייזען מיין גוטע הארץ, מיין ליעבע צו גאט, תורה ומצות און זא ווייטער.

און אזוי וועט פאסירען אז. "וחוטפתו שינה". עס וועט איהם ארום כאפען א שטארקער שלאף און "ונמצא ישן כל הלילה". און ער וועט אבשלאפען א גאנצע נאכט. דעריבער האבען חז"ל געמוזט זיך בענוצען מיט אזא שטארקען אוים־דרוק זוענען דער מצוה פון לייענען — ק"ש בערבית — אז:

"וכל העובר על דברי חכמים חייב מיתה".

ווארום אויב יעדערער וועט זיך אזוי פיהרען, אזוי טראכטען, קען ח"ו פאסירען, דאס ווען — שחרית — וועט קומען, עס וועט דאך מוזען ב"ה קומען, ניט שטענדיג קען דאך זיין נאכט, גוטע צייטען וועלען זיך צוריק קערען, וועט שוין ניט זיין צו וואס ארוים צו ווייזען ליעבע, פאר וואס זיך מוסר נפש צו זיין, די שוהלען וועלען שוין זיין אין פרעמדע הענד ח"ו, ישיבות חרוב, ת"ת פארשלאסען, די הונגעריגע ראשי ישיבות און לעהרער פארטריבען, די ת"ת קינדער צו לאפען, ארץ ישראל פארנאכלעסיגט.

דארום דארף יעדערער, וויפיעל עס איז אין זיין כח, זיך אנשטרענגען אליין טהאן, העלפען און אויך וועקען די פאר־שלאפענע, שרייען צום פאלק בקול רם, שמע ישראל! דער־מאנען איהם זיין גוואלדיגע אחריות. וואס עס ליגט אויף איהם אלס יורש פון דער גרויסער גייסטיגער ירושה, וואס איז איהם אנגעטרויט געווארען פון די אלע פערגאנגענע דורות, פון די פיעלע קדושים וועלכע האבען זיך מוסר נפש געווען, א דורכ־טראגענדיג די גרעסטע יסורים און געלייענט ק"ש.

דער מאנען איהם אויף דער גרויסער פאראנטוואָרט־ליכקייט, פאר די קומענדיגע דורות, וועלכע וועלען, ח"ו, זיין אבגעשטארבען פון אידישען פאלק, אבגעריסען פון אידישען עץ החיים דורך זיין פארשלאפענקייט, אפאטיע, נאכלעסיג־קייט אין אזא גייסטיג קריטישע צייט.

וואָס וועט ער ענטפערען ווען עס וועט פון איהם געפאָדערט ווערען השבון.

— סיי פון עבר און סיי פאר'ן עתיד ? —

דאָס איז מיין ציעל, ליעבער לעזער, מיט דיעזען ספר. אויך צו זיין איינער פון די וועקער; און דאָס איז דער טעם אויך: "ווארום איך האָב מיין ספר געשריבען אין אידיש, אין מאמע לשון"? ווייל ווען עס האלט ביים וועקען, ביי שרייען—שמע! — ביי די ענינים וואָס קריאת שמע פאָדערט אויף, ביי לייענען ק"ש, דארף מען עס לייענען אויף דער שפראך וועלכע דער, צו וועמען מען רופט — שמע! — זאָל קענען פארשטעהן.

— "שמע — בכל לשון שאתה שומע". (ברכות י"ג ע"א)

א ניט וואָס איז די פעולה פון רופען—שמע — ? אז ער פערשטעהט ניט און ממילא וויים ער ניט וואָס צו הערען.

און אויב א איד וויל ניט קומען צו די דרשות אין שוהל. זאָלען די דרשות קומען צו איהם. אוואו נאָר ער שלאָפט זיין גייסטיג לעטהארגישען, אפאטהיע — שלאָף, "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך". און רעדען צו איהם אויף דעם לשון, וועלכען ער פארשטעהט.

אפשר וועלען מיינע דרשות אויפוועקען אימעצין, און אז ער וועט דערהערען דעם רוף—שמע! וועט עס אויף אזוי פיעל ווירקען אויף איהם. דאָס ער וועט טהאָן תשובה, ווערען א ריינער איד, א יום כפור איד, און ער וועט ענטפערען — בקול רם — ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. (עיין פסחים נ"ו). פאַרטזעטצען אוים אייביג, אז ליבען און בעישען גאָט'ס נאָמען.

צוליעב איין צוהערער אזא איז כדאי מיין ספר.

און איך בין מתפלל צו דיר, רבש"ע, יעצט, ווען איך מאַך אן התחלה צו דרשנען צום פאָלק דורך די מויל פון מיין שוואַכער פעדער די תפלה וואָס מען איז מחויב צו זאָגען פאר א דרשה, "יהא רעוא דאימא מלתא דתתקבל", (ביצה, ל"א).

יום ה', א' דר"ח אלול תרצ"ב.

בעיאָן, ניו דזשוירזי.

ה מ ח ב ר.

— דרוש א. —

לימים נוראים

בואו חשבון שופר

דער קול השופר וועקט — רופט אידען אין שוהל אריין—אידען פון א גאנץ יאָהר—ימים נוראים׳דיגע אידען — אידען ראיעלע — אידען גייסטיגע שמוג-לער—קאָנטראבאנדשטיקעם — הייליגע שוהלען— און מאָשרום שוהלען.

היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו

ראיעלע, גוט געמענעדזשטע פירמעס מאכען א באַלאנס, א סך הכל יעדער מאָנאט, נעמען סטאק וויניגסטענס יעדער יאָהר, אום אויס צוגעפינען ווי די ביזנעס שטעהט, וואָסערע סחורה עס פעלט און וואָסערע איז דאָ צופיעל? פיעל האָט די ביזנעס פראָגרעסירט אָדער געפאלען?

אויפ׳ן זעלבען אופן ווי מען פירט זיך מיט מאטריאלישע ביזנעס דארף מען זיך אויך פירען מיט גייסטיגע נשמה-ביזנעס, אידישע ביזנעס, מ׳דארף נעמען סטאק.

מיינע ווערטער זיינען ניט געווענדעט צו אזעטיגע, וועלכע לייקענען אז א מענש האָט א נשמה, און א איד א אידישע נשמה. אויב זיי האָבען ניט קיין נשמה, קיין גייסטיגע מסחרים, האָבען זיי דאָך ניט וואָס צום חשבונ'ען.

איך רעד נאָר צו די אידען, וועלכע גלויבען יע אין א נשמה-לעבען, וועלכע זיינען צוגעבונדען צו אידישקייט מיט שטארקערע, אָדער ח"ו שוואכערע פעדים; וועלכע ווערען, מעהר ווינציגער, ערציטערט, ווען די הייליגע טעג פון ראש השנה און יום כפור דערנענטערין זיך, סיי זיי זיינען א גאנץ-יאָהריגע שוהל אידען וועלכע שטיצען און טראָגען מיט שמחה אויף זייערע פלייצעס די אויפהאַלטונג פון שוהלען, תלמוד תורות, ישיבות און אלע אידישע אנגעלעגענהייטען, און סיי זיי זיינען נאָר ראש השנה און יום כפור אידען, וועלכע קויפען קרעכצענדיג א סיט אין שוהל, עסען אוים די הארץ זיך דינ-גענדיג מיט די גבאים צו קריגען א בארגיין, א מציאה, א טיקעט פאר א ביליגערען פרייז. און עם קימערט זיי ניט, וואָס דורך דעם וועט א גאנץ יאָהר זיין שוואך די עקזיסטענץ פון שוהל, אָדער געהען גאָר מתפלל זיין אין די חילול הקודש'דיגע מקום תפלות, מאָשרום שוהלען, וועלכע ווערען געמאכט אין טעהאטערס, דאנסינג האָלס, זנות טעמפלען מיט בלאָף-חזנים און פייק-מענעדזשערס. אבי עס זאָל קאָסטען ביליגער.

אָבער אויך צו די לעצטע רעד איך, ווייל, כאָטש זיי זיינען אונפעראנטוואָרטליכע אידען, שמוגלערס, קאָנטרי-באנדיסטען, וועלכע שמוגלען זיך אדורך ווי וויים מעגליך, אבי ניט צום צאָהלען זייער מכס, זייער אָבצאָהל, דיוטי, וואָס זיי דארפען געבען. און צאָלען פאר אידישקייט, פאר תורה, פאר אידישע צדקה אנשטאלטען, פאר ארץ ישראל. זיינען זיי אָבער פאָרט אונזערע אידען. זייער בונד מיט אידישקייט ניט איבערגעריסען, דאָס פינטעלע איד איז נאָך ביי זיי ניט אָבגעשטאָרבען אין גאנצען.

א ראיה: עס טוהט זיי נעבאך וועה זיך צום שיידען מיט די פאר דאָלאר פאר א סיט און דאך צאָהלט מען און מ׳קומט; זואָלטען זיי דאָס ניט טאָהן וואָלט זייער אידישע נשמה קיין מנוחה געפונען, ניט נאָר ראש השנה ויום כיפורים, נאָר זאָגאר א גאנץ יאָהר.

אם ״יתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו״? (עמוס ג׳ ו׳), קען דאָס געמאָלט זיין — פרעגט דער גרויסער נביא— אז דער שופר זאָל בלאָזען אין שטאָדט און די פאָלק זאָל ניט דערציטערט ווערען״ ?

ער, דער נביא, האָט געקענט גוט זיין פאָלקס נשמה, און האָט געוואוסט אז זי מוז אויפציטערען פאר׳ן קול השופר, און דער הערען גאָט׳ס וואָרט, עס מאכט ניט אויס אוואו די אידישע נשמה זאָל זיך ניט געפינען.

אין ציון וירושלים אָדער רוים און בבל. אין יענע שטילע, רוהיגע, אידישע, תורה-ליבענדע, נשמה-זאפטיגע, הייליג תמימות׳דיגע, רודפי צדקה׳דיגע, מעשים טובים שטרע־בענדיגע שטעדט און שטעדטלאך פון ווילנא, איישישאק, ראדין, ולוזין, קאָוונע, סלאָבאָדקע, סאָקאָלע אָדער ראצקי, אָדער אין די רווישעדיגע, טומעלדיגע, כאאסיגע, טאראראמ־דיגע, שרייענדע, ליארעמדע, אויגען-בלענדעדע, געלט-גייציגע, פארגעניגענד-זוכענדיגע, כבוד יאָגענדיגע, תאוה לעכצענדע, שכרות דורשטיגע, אכילה-זולל וסובא׳דיגע, פון די ציוויליזיר־טע תאוה-פראָגרעסירטע שטעדט און שטעדטלאך פון פאריז, לאָנדאָן, בערלין, מאָסקאָווע, שיקאגאָ, ניו-יאָרק, קאָני איילאנד, רעוויער, דזשורזי סיטי און בעיאָן.

אומעדום אוואו עס וואלגערט זיך זאָגאר א פונק, א ניצוץ פון א אידישע נשמה, ציטערט זי אויף, פאר גאָט׳ס רוף וואָס הערט זיך פון קול השופר; די שטימע וועלכע איז טיף איינגעקריצט אין אידישען זכרון פון דעם ערשטען מאָהל

ווען ער האָט איהר דער הערט, אינ'ם טאָג, ווען ער האָט זיין בונד מיט זיין נאָט געשלאָסען, ביים בארג סיני, ביי קבלת התורה, ווען ער האָט צום ערשטען מאָהל דורך איהר דער הערט זיין גאָט'ס שטימע.

ויהי קול השופר הולך וחזק מאד, משה ידבר והאלהים יענגו בקול (שמות י"ט, י"ט).

און ביי יעדער מאָהל, ווען ער דער הערט דעם קול שופר וועקט זי זיין געוויסען, דערמאָנט איהם זיין בונד, פאָדערט און מאָהנט צו ערפילען זיינע נעשה ונשמע'דיגע פערפליכטונגען, און רופט איהם ווי דער שמש אין דער אלטער היים:

"אידען אין שוהל אריין!"

דער קול השופר ציהט ביי זיי ארוים א קרעכץ, א זיפץ און א ווארימען טרער, וועלכער וואשט אָב, שווענקט אָב, מעהרער אָדער ווינציגער, די יצר הרע שטויב פון זייערע הערצער און נשמות.

יעצט טהייערער פריינד מיינער.

אין דיעזע הייליגע טעג, ווען דיין נשמה איז געלייטערט, דיין הארץ ריין, דיין קאָפּ קלאָר, דיין געוויסען ערוואכט, די פערגיפטעטע טשאדען און גאזען פון אלערלייַ ליידענשאַפט-פייערען אויסגעוועפט, טו נעם זשע א ווייסען, קלאָרען בויגען פאפיר און א פעדער אין האנד, פארשלים זיך אין א בעזונדער שטילען, רוהיגען צימער, און מאך א חשבון, נעם סטאק, יעהרליכע סטאַק פון דיין הכנסה און הוצאה פון פארגאנגענעם יאָהר.

בואו חשבון!

דרוש ב.

לימים נוראים

בואו חשבון לעבען

על כן יאמרו המושלים — אילו המושלים ביצרם — בואו ונחשוב חשבונו של עולם.
(ב"ב ע"ח ע"ב).

דער גרויסער אוצר החיים — זכרנו לחיים — צוליב וואסער ציעל בעט מען לעבען — דריי סעודות — דריי תפלות — שלאפען — לערנען — און להבדיל קארטען — שוהל בעזוכער — און להבדיל טהעאטער בעזוכער — די ביכער זיינען אפען — מיט'ן מענשענ'ס אייגענע האנד אונטער געשריבען.

זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך אלוקים חיים

פאר יאהרען ימים נוראים ביזטו אויך אין שוהל געקומען, א סך זאכען, וואס זיינען דיר בעוואוסט האסטו ביים רבש"ע געבעטען, וועלכע דו האסט מעהרער אדער קנאפער געקראגען.

לאמיר דא אנכאפען די דריי הויפט זאכען פאר וועל־כע מיר מענשען זיינען מתפלל, ווינשען דאס צו האבען, אהן זיי ח"ו קען קיין פאלקאמער גליק אין דער וועלט ניט זיין.

דאס זיינען :

לעבען, קינדער און פרנסה.

זיי זיינען די דריי גרעסטע אוצרות פון עולם הזה. זיי זיינען אזוי חשוב אז גאט טרויעט זיי קיינעם ניט אן.

די שליסלען פון דיעזע אוצרות האלט ער זעלבסט אין זיין האנד.

שלש מפתחות בידו של הקב"ה : מפתח של גשמים — היינו פרנסה — של חיה — היינו בנים — ושל תחה"מ — היינו חיים — (תענית ב.).

ל ע ב ע ן ! דער גרויסער וועלט אוצר צו וועלכען אלע ציהען זיך, פאר וועלכען אלע קעמפפען, מורא האבענדיג עם ניט צו פארלירען, פון ווערימעל אין דער ערד ביז'ן לייב, קיניג פון וואלד ; פון טרעמפף אין פינסטערן, נאסען קעלער ביז'ן קיניג אין רייכען ליכטיגען פאלאץ.

און זאל קומען דער גרעסטער מלך, אוועק געבען זיין גאנצע אימפעריע, מיט אלע איהרע רייכטהומען פאר א שעה לעבען, ווען די צייט קומט צו געהן, וועט ער עם ניט קריגען.

און דו האסט ב"ה פאר א יאהרען א גאנצען יאהר לעבען אויסגעבעטען, מ'האט דיר געמאכט פאר'ן באנקיר פון אזא טהייערען, אונשאצבארען אוצר, א יאהר לעבען ! היינט קומסטו ווידער אין שוהל בעטען מ'זאל דיר דעם געטליכען אוצר אין דיין האנד איבער געבען, דיר איהם אנפארטרויען : מוזטו דאך בעווייזען פאר'ן בעל הבית פון דעם "לעבענס-פירמע" וואס

דו האָסט אויפגעטאָהן? וואָס פאר א געשעפטען דו האָסט מיט'ן יאָהר לעבען געמאַכט? וואָס פאר אן הכנסה דער האר פון לעבען האָט פון דיר דורכ'ן יאָהר געהאַט? גאָט האָט דיר מבטיח געווען לעבען האָט ער געהאַלטען, אָבער האָסטו דיין הבטחה געהאַלטען?

דו האָסט בפירוש פאַרזיכערט און ערקלערט צוליב וועלכען ציעל דו ווינשט לעבען:

"זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים".

געדענק אונז צום לעבען, קינג, וועלכער ווינשט דעם לעבען, שרייב אונז אריין אין לעבענס-בוך, און ווייסטו גאָטעניו, ווארום מיר ווינשען און בעטען צו דיר אזוי פיעל פאר לעבען?

ניט ח"ו פאר אונזערט וועגען, אום מיר זאָלען האָבען א געלעגענהייט נאָך צום עסען, טרינקען און באַלעווען; נאָך נאַרישע, כלומר'שט פארבלענדענדע פארגעניגענס צו געניסען. עט! דאָס איז אַלעס נאַרישקייטען, עס איז גאָר אַ בזיון, אַ חרפה, פאַר אונז צו קומען אין אַזעלכע הייליגע טעג, ראש השנה ויום כפור, זיך שטעלען פאַר דיר, מלך קדוש, בעטען לעבען, כדי מיר זאָלען אין זיך נאָך עטליכע פונטלאך ברויט אריין פאקען, נאָך עטליכע טעפלאך פאַטייטאָס אריין שטאָפען, נאָך עטליכע שיסלען לאָקשין אַראָב שלינגען, נאָך עטליכע הינדלאך, קאטשקעלאך, סטייקלאך אָדער גאָר טרפה פראנק-פורטלאך אריין רייבען.

ניין! ניט צוליב אזעלכע נאַרישקייטען בעטען מיר לעבען.

ניט דאָס איז אונזער כונה, שטרעבונג, און ציעל. אונזער בעטען ביי דיר רבש"ע: "כתבנו בספר החיים" איז: "למענך אלקים חיים", צוליב דיינעט וועגען, גאָט, ווילען מיר לעבען, מיר זאָלען דיר קענען דינען, לעבען אַ שעהנעם,

אידישען, גייסטיגען לעבען, עפּעס אויפטאָהן וויכטיגעס, ערהא־בענעס, אויביגעס; אונזער לעבען זאָל זיך ניט ענדיגען מיט׳ן לעצטען אָטהעם - צוג, מיט׳ן לעצטען בליק. מיט׳ן לעצטען זיי געזונד צו דער וועלט, מיט׳ן לעצטען רידעל ערד, וואָס מ׳וועט אויף אונז ארויף שיטען.

דאָס איז דיין הבטחה צו גאָט געווען, נו! ברודער־קע! האָסטו איהר געהאלטען? מאך א חשבון!

אין יאָהר האָסטו צוויי און פופציג וואָכען געהאט, יעדער וואָך האָט זעקס ארבייט־טעג פאר דיר, און איין רוהע־טאָג—שבת—פאר דיין גאָט, וועלכער האָט דיר לעבען געגעבען, דו זאָלסט קענען ארבייטען און רוהען, נו! פיעל טעג האָסטו געארבייט, און פיעל שבתים האָסטו גערוהט? חשבון!

דיין קערפּער דארף דריי סעודות א טאָג: ברעק־פעסט, דינער, סאפּער; דיין נשמה דארף אויך דריי גייסטיגע סעודות״: שחרית, מנחה ומעריב, נו! פיעל מאָהלצייטען א טאָג האָסטו פארפעלט, פארנאכלעסיגט? און פיעל תפילות? חשבון! זיי זיך מודה!

נאָך יעדען טאָג לעבען האָט דיר דער באשעפער געשענקט א ליבע מתנה — נאכט—דו זאָלסט קענען שלאָפען, רוהען, אום צו קריגען פרישע כחות פאר׳ן מאָרגענדיגען טאָג לעבען, און אויך כדי דו זאָלסט עפּעס לערנען, אריין קוקען אין א ספר.

״לא איברי לילה אלא לשינתא, לא איברי סיהרא אלא לגירסא״ (עירובין ס״ה).

חשבון אויף, אויסער שלאָפען, אויף וואָס האָסטו דיינע נעכט פארבראכט? זיי זיך זעלבסט מודה: פיעל שעה א נאכט האָסטו געלערענט? און פיעל שעה האָסטו פארבראכט

אויף, להבדיל, קארטען, פינאקעל, פאוקער. ברידזש, און זא וויטער ?

די נעכט, זאגאר ווינטערדיגע, טבת נעכט, זיינען פאר דיר צו קורץ געווען און דו פלעגסט דיין שלאף בערויבען. און די עטליכע שעה פון שלאף, רוהע, פון לעבען מקריב זיין ביים קארטען - אבגאט׳ס אלטאר, וואס רופט זיך "גרינער טישעל". אבער פיעל שעה האסטו גערויבט פון דיין שלאף און זיי מקריב געווען, להבדיל, פאר דיין גאט, תורה, פאלק און פאר דברים שבצדקה ?

דו ביזט נאך אזוי פיעל אונפארשעמט געווען, דאס ווען דו פלעגסט קומען שפעט ביינאכט אהיים, און מורא האבענדיג פאר דיין ווייב׳ס כעס פלעגסטו א ליגען זאגען, דאס דו ביזט ביי א שוהל מיטינג געווען, אדער ביי דיין סאסייעטי.

פיעל מאהל ביזטו אויסער ראש השנה ויום כפור, געווען אין שוהל דורכ׳ן יאהר, און פיעל מאהל, להבדיל, אין טעהאטער, מואווי פיקטשורס, בעלער און זא וויטער ?

און יעצט, מיין פריינד, מאך א סך-הכל פון דיינע אלע הוצאות פון אוצר החיים פאר׳ן גוף און פון די הוצאות פאר גאט, פאר דיין נשמה, פארגלייך זיי, שטימען זיי ? איז די הכנסה לויט די הוצאה פון דעם דיר אנפערטרויטען יאהר פון "אוצר החיים", ביזטו מיט דיין יאהר לעבען פאלקאם צופרידען ? האסטו פראגרעסירט, אדער ביזט ח"ו באנקראט ? ענטפער ! נאר זיך אליין ניט אב ! ס׳איז דאך עפעם הייליגע טעג, שטעהסט דאך פאר דיין האר, אין וועמעס האנד דיין צוקינפטיגער יאהר לעבען געפינט זיך, טארסט קיין ליגען זאגען, און קיין שקרים וועלען דיר ניט העלפען, דער ספר הזכרונות, די בוכהאלטעריע איז אפען, די חשבונות זיינען מיט דיין אייגענער האנד שריפט בעשטעטיגט. "וחותם יד כל אדם בו".

בואו חשבון !

דרוש ג.

לימים נוראים

בואו חשבון קינדער

אידישע קינדער, בעזיצען מארטירער נשמות — פרוש הפסוק: "רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם". — קדושי חברון—חשבון'ט איהר טאטעס און מאמעס — וואס האט איהר פאר אייערע קינדער געטהאן?

א צווייטע מתנה, ליעבער פריינד מיינער, האט דיר גאט געשענקט:

קינדער, דער שענסטער, טהייערסטער און גרעסטער אוצר אין דער וועלט. נאך גרעסער און וויכטיגער ווי לעבען; גיבען דאך עלטערען אוועק זייער לעבען פאר'ן גילק און וואוילזיין פון זייערע קינדער.

דיינע קינדער זיינען דאך אידישע קינדער, הייליגע קינדער, מיט ריינע מארטירער נשמות, אין וועמעס אדערן עס פליסט די בלוט פון מיליאנען קדושים, וועלכע האבען געטאנצט

אין פייער, געשפרונגען אין וואסער, אדורך געטראָגען אינקוויזיציעס און אויטאָ-דא-פעס, מיט א שמייכעל אויפ'ן פנים און שמע ישראל אויף די ליפען, מיט הימעלשע מלאכים געזאנגען פון זייערע העלזער. ווען אנקעגען זיי איז דער שונא געשטאנען מיט שווערדען און געריסען זייער לייב מיט אייזערנע קאַמען.

"רוממות אל בגרונם" גאָטעס ערהאבונג אין זייער האַלז, פון די חסידים, אין דער צייט וואָס: וחרב פיפיות בידם, שאַרפע שווערדען אין דער האנד פון זייער שונא.

פון אברהם אבינו וועמען מ'האָט אין קאלכאויוועז געוואָרפען, און יצחק אבינו וועלכער האָט מיט שמחה זיין האַלז צו דער עקדה געשטרעקט, פאר זייער גאָט און אמונה. וועלכע שלאָפען רוהיג — אָדער ח"ו אונרוהיג צוליב די צרות פון זייערע קינדער — אין חברון, ביז די לעצטע קדושים. סלאָבאָדקער ישיבה לייט, וועלכע זיינען ווי שעפּעלאך אוים גע'שחט'ען געוואָרען אין חברון ביי זייערע גמרות, ניט ווייט פון דער מערת המכפלה, און זייער בלוט איז ווי וואסער פארגאָסען געוואָרען היינטיגען יאָהר. דאָס האָט נאָך מעהר הייליג געמאַכט, גרעסער געמאַכט די מארטירער נשמה פון פאָלק ישראל, און אויך די צאַרטע נשמות פון דיינע קינדער, וועלכע זיינען דיר טאַטע, דיר מאַמע, אַנגעטרויט געוואָרען.

ווי האָסטו זיך באַנוצט מיט'ן גרויסען אוצר פון קינדער?

פיעל תורה האָסטו זיי געלערענט? גאָטס תורה, אידישע תורה, אברהם, יצחק ויעקב און משה'ס תורה. אחוץ עשו'ס תורה, פרעמדע תורה.

פיעל יראת שמים, פיעל ליבע צו גאָט האָסטו אין זייערע נשמות אריין געבלאָזען? פיעל ליבע צו זייער פאָלק און פיעל נאַציאָנאלען שטאָלץ האָסטו אין זייערע הערצער

אריין געגעבען? פיעל מסירות נפש, זעלבסט אפפערונג, איבערגעבענהייט און ווארימקייט האָסטו געמאכט אין זייער בלוט פליסען און שטראָמען.

גיב א קוק, דו אידישער טאַטע, דו אידישע מאַמע, אויף דיינע שעהנע קינדערלאך, מיט זייערע ליכטיגע, אונשול־דיגע אייגעלאך, פון וועלכע עס שטראהלט ארוים געטליכע ליכט, וואָס שטראַמט פון זייערע שעהנע אידישע נשמות און ענטפער!

ענטפער זיך אליין! דיין אייגענעם געוויסען, דיין "ראש השנה און יום כפור געוויסען" און מאך א חשבון.

בואו חשבון!



דרוש ד.

לימים נוראים

בואו חשבון פרנסה

פרנסה טובה — ופרנסה רעה — פרנסה בכבוד — און פרנסה בבזיון — ווען ערלויבט א פירמע הוצאות צו איהר אנגעשטעלטען — דער חילוק צווישען גאט'ס פרנסה פירמע—און להבדיל מענשליכע פרנסה פירמעס—עשר בשביל שתתעשר — אן ערליכער סוחר קען זיין, מעג זיך אויך מיט אן אמת קלאפען אין הארצען — "בגדנו" — "גזלנו" — בערתי הקודש מן הבית — ראיעלע בוכהאלטעריע — ריכטיגע באנק ביכלאך — און פינקטליכע טשעק ביכלאך.

בספר היים ברכה ושלום ופרנסה טובה נזכר ונכתב לפניך

א דריטע מתנה, מיין פריינד, האט מען דיר פאר א יאהרען ראש השנה, מעהר אדער ווינציגער אנגעטרויט:

פרנסה. יעדווידער מענש באקומט פון רבש"ע זיין חלק פרנסה. איז דאך גאט א פאטער און מיר זיינע קינדער, און א פאטער איז מחויב זיינע קינדער צו שפייזען, זיינען מיר דאך מענשען ניט ערגער פון אלע ברואים וועמען דער באַשעפער שפייזט.

ניט אלע פרנסות זיינען גלייך. פאראנען — פרנסה טובה — און — פרנסה רעה—פרנסה טובה ווערט אנגערופען ווען מען בעקומט איהר פון גאט'ס האנד. פרנסה רעה, ווען זי דארף אדורך געהן דורך א מענשישע האנד. בעטען מיר:

"ונא אל תצריכנו ה' אלקינו לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם כי אם לידך המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה שלא נבוש ולא נכלם לעולם ועד".

מאך אונז ניט גאט, אונזער גאט, בעדערפטיג צו די מענשען'ס האנד. ווי אויך ניט צו די האנד צו בארגען, נאר צו דיין האנד, וועלכע איז פול, אפען, הייליג און פרייגיביג, כדי מיר זאלען קיין מאהל ניט צו שאנדע ווערען.

הרחמן, דער דערבארעמדיגער — הוא—ער זעלבסט — יפרנסנו — זאל אונז שפייזען — בכבוד — פרנסה דורך גאט'ס האנד איז בכבוד, אהן בושה וכלימה. ניט אזוי, צום בעדויערען, איז פרנסה דורך א מענשישע האנד.

אלע בעטען אויף "פרנסה טובה", דאס הייסט דורך גאט'ס האנד.

"בספר חיים ברכה ושלום — ופרנסה טובה — נזכר ונכתב", אבער ניט אלעמענס תפילה ווערט גלייך אנגענומען. דיין תפילה איז געהערט געווארען, דו ביזט א יחסן, דיר האט גאט אליין פון זיין האנד פרנסה געטהאן געבען, דיין ברודער האט אזא זכות ניט געהאט, ער דארף זיין פרנסה בעקומען דורך א מענשישע האנד, דורך דיין האנד, דיר האט מען פאר'ן קאסירער געמאכט איהם צו שפייזען.

ווען א פירמע, מיין ליבער פריינד, געטרויט אן איהר פערוואלטער צו פערקויפען איהרע סחורות, און זי ערלויבט איהם אלע זיינע הוצאות צו נעמען פון דער פירמע, מעג ער זיך איינשטעהן אין די שעהנסטע האטעלען, עסען און טרינקען פון די בעסטע, דאך וועט די פירמע גאר ניט האבען צו איהם; זי וועט איהם נאך זיינע שכירות העכערען, ווען ער וועט אנצייגען אז ער האט זיינע פליכטען ערפילט ערליך, און די פירמע האט דורך איהם פראפעטירט, געהאט אן — הכנסה —

אבער היתכן? אז א פירמע וועט דולדען אן אנ־געשטעלטען, וועלכער וועט ווייזען א גרויסען חשבון פון זיינע אייגענע הוצאות, און וועט גאר ניט, אדער ניט גענוג, קענען אנצייגען אויף די ערפילונג פון זיינע פליכטען, אויף די איינ־קאם פון דער פירמע?

דארום האט דער קלוגער און ארינטליכער אנגע־שטעלטער שטענדיג אין זינען ווען ער מאכט פאר זיך הוצאות צו בעטראכטען פיעל וועט ער דורך דעם ערפילען דעם וואונש פון זיינע בעלי בתים.

דאס זעלבע, דו יחסן, האסט די פולע רעכט, פון דעם פארמעגען וואס איז דיר אנגעטרויט געווארען, צו נעמען דיינע הוצאות מיט'ן פולען האנד, מעגסט וואהנען אין די שעהנסטע וואהנונגען, מיט פראכטפולע מעבעל, טראגען די בעסטע קליידער, זיך פוצען מיט די טהייערסטע ציהרונג, עסען און טרינקען פון די געשמאקסטע מאכלים ומשקאות, מעגסט אויך נייך פראצענט פון דעם פארמעגען וועלכען מ'האט דיר אין האנד געגעבען האלטען פאר זיך, ווארום די הימעלשע פרנסה — פירמע פון גאט איז מעהר ליבעראל, פרייגיביג איידער להבדיל פון מענשען:

"ביי מענשען נעמט דער בעל הבית פאר זיך ניין פראָצענט און פאר'ן ארבייטער איין פראָצענט, און ביי גאָט איז פארקערט: "דעם מענשען הייסט ער נעמען ניין פראָצענט, און פאר זיינעט וועגען, אָדער בעסער געזאָגט, פאר זיינע אָרימעלייט, איין פּראָצענט — מעשר" — און אז דער מענש היט דאָס בעקומט ער ספּעציעל באַצאָהלט און זיינע שעהרם, אַקציעס שטייגען.

"עשר בשביל שתעשר". (שבת קי"ט, תענית ט')
גיב מעשר וועסטו ווערען נאָך רייכער.

דו זאָגסט: "אשמנו, בגדנו, גזלנו", ווייל אַזוי שטעהט אין סליחה און מחזור, אַלע זאָגען אַזוי זאָגסטו אויך, און בשעת מעשה טראכסטו געוויס, "איך זאָג אַ ליגען" ווארום איך פעלש ניט, גזל ניט, מיינע ביזנעס ווערען געפירט ערליך. ראיעל אָבער אין דער אמת'ן מיין פריינד, קען גאַנץ גוט מעגליך זיין, אַז דו דארפסט זיך גוט קלאפּען אין האַרצען: "אשמנו, בגדנו, גזלנו", ביזט שולדיג, האָסט געפעלשט אין דיין מיססיאָן, האָסט גע'גזל'ט צדקה געלדער, וועלכע בעלאנגען ניט צו דיר, נאָר צו דיין אָרימען חבר, וועלכען דו האָסט געדארפט מיט דעם איהם מפרנס זיין.

איידער דו געהסט צום יום הדין, נעם דיין באנק ביכעל און מאַך א ריכטיגען חשבון. בואו חשבון!

און אויב דו געפינסט אז ביי דיר איז דאָ מעשר-געלד, צדקה-געלט וואָס בעלאנגט פאר אָרימע לייט, פאר ת"ת, ישיבות, שוהלען און ת"ת, זעה ברודערקע! צאָהל וואָס גיכער אָב. אום דו זאָלסט זיך קענען מתודה זיין און זאָגען מיט אן אמת:

"רבש"ע! בערתי הקודש מן הבית", איך האָב אוים-געראמט די הייליגע געלט, מעשר געלט, הקדש געלט, צדקה

געלט פון מיין הויז, אום איך זאל ח"ו ניט מועל זיין אין זיי און זיי פארנוצען פאר מיינע פערזענליכע, וואכעדיגע צוועקען.

"וגם נתתי ללוי ולגר וליתום ולאלמנה".

און האב דאס געגעבען צו לוי, גר, יתום און אלמנה. איך האב בעצאהלט מיינע נדרים וואס איך האב, פון פאר א יאהרען ראש השנה ויום כפור ביז היינט, מנדר געווען, פאר שוהלען, ישיבות, ת"ת, ארץ ישראל, רעליעף, האיאס. איך האב געצאהלט, פינקטליך דעם שכר לימוד פאר מיינע קינדער. "כדל מצותיך אשר צויתני", אלץ ווי דו האסט מיר בעפאהלען. "לא עברתי ממצותיך", איך האב דיין בעפעהל ניט איבער געטראטען.

"ולא שכחתי" (דברים כ"ו, י"ג).

"און איך האב ניט פארגעסען", איך האב ניט פאר־געסען אז איך בין נאר א פעוואלטער. רבש"ע, אין דיין פרנסה —פירמע, איך האב ניט פארגעסען צו צאהלען, די צעהן פראצענט מעשר, אזוי ווי איך האב ניט פארגעסען צו נעמען פאר זיך די ניינציג פראצענט קאמיסיאן פאר מיין ארביים.

איך האב ניט פארגעסען, צו פיהרען ראיעל מיינע בוכהאלטעריע ביכער פון מעשר און צדקה, איך האב ניט פארגעסען צו פארשרייבען די געלט וואס עס קומט דערויף אין דיין בוך, און אנשטאט דעם, דאס צוגעשריבען ח"ו אויף מיין חלק.

"השקיפה ממעון קדשך מן השמים" (שם).

קוק אראפ פון דיין הייליגען וואוינונג, פון הימעל. קוק איבער מיינע ביכער, מיין באנק ביכעל, מיין טשעק בי־כעל. אלץ איז ראיעל, שטימט ריכטיג, דארום בעט איך דיר:

„וברך את עמך ישראל", בענש אונז צום נייעם יאָהר ווידער, און: „בספר חיים ברכה ושלום ופרנסה טובה, נזכר ונכתב, לפניך אנחנו וכל עמך בית ישראל לחיים טובים ולשלום".

אין בוך פון לעבען, ברכה און שלום און פרנסה טובה, גוטע פרנסה, זאָלען מיר געדיינקט און פערשריבען ווערען, מיר און די גאנצע אידישע פאָלק, לחיים טובים ולשלום, אמן.

דרוש ה׳

לימים נוראים — — חינוך הבנים

עקדת יצחק — רצון ה׳ און רחמנות פון עלטערען צו קינדער — נס אמעריקע — אידען זיינען גוטע סוחרים — גוף און נשמה — וועלכע איז וויכטיגער? — ווי פלעגט דער איד אמאהל האנדלען און ווי היינט אין אמעריקע בנוגע דער פראגע? — וואס איז וויכטיגער תנ״ך אדער להבדיל פיאנא צימבלען? — אויף וואס מען פערבייט גאט — תנ״ך—בית המקדש און כהן— די ע״ז מולך אמאל און היינט — דער אידישער זכרון.

"ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור".

איינע פון די שטארקסטע זכיות אויף וועלכע מיר לעהנען זיך אן אין אונזערע תפלות ביים רבש״ע.

די גרעסטע סנגוריא וועלכע מיר שיקען פאר אונז איז: עקדת יצחק, א גאנצען יאהר און איבער הויפט אין די פארכטיגע טעג, אין די טעג פון דין ומשפט.

עס איז פאראן צוויי זאכען, זאגט די וועלט. וואס פאר איינער קענען מיר זיך ניט אויסצאהלען צו גאט ב״ה — יציאת מצרים — און פאר דער צווייטער קען זיך, כביכול, גאט צו אונז ניט אויסצאהלען—עקדת יצחק—און מיר בעטען:

"רבש"ע יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו. שתזכור לנו ברית אבותינו, כמו שכבש אברהם אבינו את רחמיו מבן יחידו ורצה לשחוט אותו כדי לעשות רצונך, כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו ויגלו רחמיך על מדותיך" וכו'. האר פון דער וועלט, זאל זיין פון דיר דער ווילען, גאט, אונזער גאט און גאט פון אונזערע עלטערען, דו זאלסט גערענקען צו אונז אונזערע עלטערענס בונד. אזוי ווי אברהם אבינו האט אונטערדריקט זיין רחמנות פון זיין איינציגען זוהן, און גע־וואלט איהם שעכטען, כדי צו טהאן דיין רצון, אזוי זאל דיין רחמנות אונטערדריקען דיין צארען פון אונז, און דיין ער־בארעמונג זאל זיך איבער וויקלען איבער דיינע מדות: אבער, לאמיר זיין אפענהערציג, און מאכען א חשבון צדק ואמת. לאמיר, קינדער פון אברהם ויצחק, מיט וועמענס מעשים טובים מיר באשיצען זיך, זיך פערטיפען אין דער אייגענער נשמה. און אוים געפינען וואס איז ביי יעדען איינעם פון אונז שטארקער:

"דער רצון ה' אדער רחמנות צו אונזערע קינדער"?

"ווער פאר וועמען ווערט אונטערגעדריקט"?

"ווער איז דער קרבן"?

"פילייכט וואלט אפשר גלייכער זיין אז מיר זאלען מאכען ח"ו א שוויג וועגען עקדת יצחק"?

האט דאך גאט אנגעזאגט אז דער כהן גדול טאהר נים אריין קומען אין קודש הקדשים אין בגדי זהב.

ווייל — אין קטיגור נעשה סניגור. —

איך בין אימער א מלמד זכות אויף אידען. ובפרט איהר אלע אידען וועלכע געפינען זיך אין שוהל און ווארטען מיט נשמה ציטערניש, בדחילו ורחימו. צו הערען תקיעת שופר זייט איהר דאך געווים פון די ביי וועלכע דער רצון ה' איז

שטארקער פאר רחמנות צו קינדער. ובפרט ווען מען פער־לאנגט ניט פון אייך אן עקדה, זיך צו לאָזען שניידען די האלז, נאָר נארישע רחמנות צו ברענגען א קרבן פאר גאָט און די תורה.

און מקריב צו זיין א רחמנות, וועלכע איז באמת אכזריות, בין איך געווים ניט חושד, אז איהר זאָלט ניט זיין גרייט מקריב צו זיין פאר'ן רצון ה'.

נאָר דאָך וועט ניט שאדען אז מיר זאָלען מאכען יעצט פאר זיך א שטיקעל חשבון.

פיליכט געפינט זיך אונטער אייך א מאַן אָדער א א פרוי, וואָס זייענדיג צוטומעלט פון לעבענס־קאמפף איז גע־וואָרען אין לויף פון פארגאנגענעם יאָהר א בעל שכחה, פער־לאָרען דעם ,הייליגען אידישען זכרון, און געבראכט, ח"ו פארקעהרטע קרבנות. דעם רצון ה' פאר, מישטיינס געזאָגט, געמיינטע רחמנות.

געפינען מיר דאָך אז משה רבינו האָט אויך געזאָגט אויף אזא אופן תוכחה צו אידען. כאָטש ער איז געווען זיכער אז: "אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלקיכם" דאָס אלע שטעהן פאר גאָט, זייער גאָט, און דאָך האָט ער געפונען פאר נויטיג זיינע ווערטער צו זיי צו זאָגען, ווייל: "פן יש בכם איש או אשה או משפחה או שבט אשר לבבו פונה היום מעם ה' אלקינו ללכת לעבוד את אלקי הגוים ההם. פן יש בכם שורש פורה ראש ולענה". (דברים, כ"ט, י"ז).

פילךכט געפינט זיך אונטער אייך א מאַן אָדער א פרוי, א פאמיליע אָדער א גאנצער שבט, וועמענס הארץ קעהרט זיך יעצט אָב פון אונזער גאָט, אום צו געהן דינען די געטער פון יענע פעלקער, פיליכט געפינט זיך צווישען אייך א וואָרצעל פון וועלכען עס וואקסט ביטערניש און ווערמוט.—

און אויב עס געפינט זיך דאָ טאקע אזא מאן אָדער פרוי, קען זיין אז הערענדיג דעם סך הכל פון יעהרליכען חשבון, הערענדיג דעם קול השופר, וואָס דער מאָנט אָן עקדת יצחק.

וועלען אויך זיינע אויערען הערען די ווערטער וואָס זיין מויל וועט זאָגען.

און ווען ער וועט זאָגען:

"ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור", אז גאָט זאָל האָבען אין זכרון די עקדת יצחק, וועט ער אויך בשעת מעשה צוריק בעקומען זיין — אידישען זכרון — און צום נייעם יאָהר ברענגען אזעלכע קרבנות ווי די עלטערען אברהם ויצחק.

דאָס אידישע פאָלק איז א פאָלק פון נסים. א נס פון יציאת מצרים וקריעת ים סוף, א. אז. וו.

איינער פון די גרעסטע נסים, וואָס איז געטהאָן גע־וואָרען דורך דער השגחה צום אידישען פאָלק איז נאָך מיין מיינונג, דער נס אמעריקא. אין א קורצער צייט נאָר פון עטליכע צעהנדליג יאָהר — א פעריאָדע וואָס האָט א קליינער ווערט אין דער היסטאָריע פון א פאָלק, וכל שכן ביי אזא אלט פאָלק ווי דאָס אידישע — האָבען זיך בעזעצט אין אמעריקא העכער פיער מיליאָן אידען, כן ירבו.

אידען פון אלע לענדער, וואו זיי זיינען געפייניגט און געדריקט געוואָרען האָבען דאָ אין דער געבענשטער פרייער מדינה א מקום מנוחה געפונען.

אָבער ניט נאָר האָבען זיי א מקום מנוחה און א שטיקעל ברויט געפונען, נאָר, ב"ה, אפילו רייכטהום, כבוד און רוהם אויך; פארפעסטיגט זיך, ב"ה, מאטעריאליש, פאָ־ ליטיש און זייערע קינדער שטעהען אויף דער העכסטער שטופע פון בילדונג אין אלע צווייגען.

די גרויסע און וויכטיגע באַדייטונג פון נס אמעריקא האָבען מיר באַגריפען אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה און אויך היינט ווען, אַ דאַנק דאָס אַמעריקאנער אידענטהום, איז דאָס אידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט גערעטעוועט געוואָרען. ווי באַוואוסט מוז אָבער פאַר יעדער גרויסער עררייכונג אין לע־בען סיי ביים כלל און סיי ביים פרט, געבראַכט ווערען קרבנות. אָהן קרבנות, זעלבסט אָפּפערונג קאָן מען קיין זאַך ניט באַקו־מען.

און דאָס אידישע פאָלק איז געוואוינט צו קרבנות— וואָס פאַר אַ פאָלק האָט אַזוי פיל זיך מקריב געוועזען אויפ'ן מזבח פון זיין רעליגיאָן, גאָט, תורה און טראַדיציע ווי דאָס אידישע?

אמעריקא האָט אויך געפאָדערט קרבנות.

אָבער, מיינע פריינד. אנדערש זיינען די אמערי־קאנער קרבנות פון די וועלכע דער איד האָט אַלע מאָהל גע־בראַכט.

דער איד איז אַ גוטער ביזנעסמאַן, דאָס בעווייזט אונז ווידער אמעריקא צו וואָס ער .נעהמט זיך בליהט און וואַקסט.

דעריבער שטענדיג ווען עס האָט זיך ביים אידען, געהאַנדעלט וועגען זיין גייסטיגען גליק אָדער מאַטעריעלען, קערפּער אָדער נשמה, האָט דער איד פאַרשטאַנען אז אזוי ווי דער קערפּער מיט אַלע זיינע פארגעניגענס זיינען דאָך סיי ווי שטערבליכע, און אז מען לעבט שוין נאָך צעהן יאָהר איז וואָס איז דער גליק אין דעם? אויב מען זאָל ח"ו דורך דעם פאַרליהרען די נשמה, אייביגקייט׳ דארום האָט ער פאַרשטאַנען מקריב צו זיין זיין שטערבליכען קערפּער, זיינע פאַרגעניגענס, זיין מאַטעריאלען ערפאָלג פאַר זיין אידישער, אייביגער נשמה.

נאפאלעאן האט אמאהל געזאגט צו זיין ארמיי: —
ווען מען האט איהם אין פארצווייפלונג געזאגט אז עס איז אוממעגליך א געוויסען שונא צו באזיגען, "אויב איהר קענט ניט זיעגען, אבער שטארבען קענט איהר דאך פאר אייער קעניג, פאלק און לאנד".

דאס זעלבע האט דער איד געטאהן, אויב זיינע שונאים האבען איהם ניט געלאזען לעבען פאר און מיט זיין אידישקייט, אבער שטארבען פאר זיין אדישקייט האט ער דאך געקאנט, ווייל דער איד האט דאך געהאט זיין אלטען גאט, תורה, שוהלען און כהנים, וועלכע האבען עס איהם געלערענט.

זיינע קינדער האט ער אויך געשטרעבט זיי גייסט־ליך שטארק צו אנטוויקלען, כדי זיי זאלען קענעןביישטעהען אלע שטורעמס פון לעבען און ניט צו פארלאזען צוליב יעדער קליינעם ווינטעל פוןליידענשאפט אנן פארגעניגען זיין פאלק און אלע זיינע הייליגטימער.

אין אמעריקא האט אנדערש פאסירט ווען דא איז אנטשטאנען די מלחמה פראגע צווישען קערפער און נשמה, גייסטיגער גליק אדער קערפערליבער קאמפארט, איינע האט געמוזט געבראכט ווערען א קרבן פאר דער צווייטער, האט, צו אונזער גרויסען באדויערען, דער גרעסטער טהייל פון אידען מקריב געווען די נשמה פאר׳ן קערפער.

"בנפשו יביא לחמו" מיט זיין נשמה האט ער גע־בראכט און ברייגגט זיין ברויט, ווייל אויף דעם אמעריקאנעם מאטעריאליסטישען באדען הערשט א אנדער רעליגיע: "ביי וועלכע—דער דאלאר איז דער גאט—דער סטאק עקסטשיינדזש איז — דער טעמפעל — דער באנקיר איז דער פריסט — און דער משעק בוך איז די ביבעל".

מיין מיסיאָן אין רבנות האָב איך אוועקגעשטעלט ב"ה, צו ארבייטען פאר'ן חנוך הבנים, אין אַלע שטעלעס, וואָס איך האָב פארנומען, סיי ווען איך בין געווען רב אין ענגלאנד און סיי דאָ אין אמעריקא.

מיט יעדען קינד וואָס קומט אָן אלס תלמיד אין תלמוד תורה פיהל איך זיך גליקליך, אָט וועלען מיר נאָך א קינד דערציהען אין אידישען, רעליגיעזען גייסט. און עס איז זיכער, אַז ווען א קינד זאָל געהען אין ת"ת פון זעקס ביז פערצעהן יאָהר, מוז ער ווערען — אין אַ געוויסען זין — א תלמיד חכם און אַ גוטער שטאָלצער איד.

די קינדערלאך מעהרסטענס זיינען גליקליך צו געהען אין היברו סקוהל.

דער באַוואוסטער פעדאגאָג ספענסער, האָט געזאָגט: "יעדער קינד ווערט געבוירען רעליגיעז". אומרעליגיעז מאַכען איהם די עלטערען און די אַטמאָספערע אין וועלכע ער געפינט זיך.

דער אמעריקאנער ווערט געבוירען מיט זיין אמעריקאנער נשמה, דער ענגלישער קינד מיט זיין ענגלישער נשמה, דער פראנצויזישער מיט זיין נשמה, און דער איטאַל־יענישער אָדער איירישער מיט זייערע נשמות.

דאָס אידישע קינד ווערט געבאָרען מיט זיין נשמה, — מיט אַ נשמה פון אברהם, יצחק ויעקב, משה ואהרן, דוד און ישעיהו א. אז. וו. מיט א נשמה פון קדושים, מארטירער, וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען, געליטען אלע יסורים און טויטען, כדי מצוות צו היטען און תורה צו לערנען. —

— מיט א נשמה פון רבי עקיבא'ן, וועמעס לייב מען האָט מיט אייזערנע קאמען געריסען, זוייל מען האָט איהם געכאפט תורה לערנען, מיט א נשמה פון א רבי חנינה בן

תרדיון, וועמענס קערפער, מען האט אין נאסע וואל ארומ־
געוויקעלט און דאן אין פייער איהם אריינגעווארפען, ווייל
ער האט מיט אידישע קינדערלאך תורה געלערענט. —

דאס קינד איז אויך גליקליך די תורה צו לערנען,
זיין נשמה פיהלט דעם הימעלשען גליק. צום סוף א קינד האט
אפגעלערענט א פאר יאהר אין חדר, קאן דאוונען, פארשטעהט
שוין א שטיקעל חומש און לשון קודש, מיט אמאהל ווי גרויס
איז דעם קינד'ס שמערץ, און אויך מיין שמערץ איז ניט קלע־
נער, דאס קינד האט אויפגעהערט געהען אין חדר.

איך נעהם זיך נאכפרעגען די סבה פון דעם? ער־
קלעהרט די מאמע, די אידישע מאמע! אז זי וויל אז איהר
באי זאל נעהמען וויאלין לעסאנס, פידעל שפילען אדער בא־
לאנגען צו די סקאוטס, אדער איהר מיידעל זאל נעהמען פיאנא
לעסאנס און אזוי ווי צופיעל צייט איז דאך אין אמעריקא ניטא
און איין זאך מוז געהען א קרבן פאר דער צווייטער, האט זי
באשלאסען אז גאט, תורה, אידישקייט, נביאים, לשון קודש,
נאציאנאלער שטאלץ זאל געהען א קרבן פאר פיאנא, וויאלין
א. א. וו. ? ! !

אין די אלטע צייטען איז געווען א עבודה־זרה
(געצענדינסט), וועלכע האט זיך גערופען מולך; אין דעם גאט
האט א בייער געברענט, און אויף זיינע אנגעברענטע הענד
פלעגען עלטערען אוועק לייגען זייערע קינדער, פארברענט
צו ווערען אלס קרבן צו דער עבודה־זרה, און כדי צו פאר־
טויבען די שרעקליכע, פארצווייפעלטע גסיסה געשרייען פון
דעם אומגליקליכען, פיינענדען קינד, פלעגען די פאלשע נביאים
שפילען מוזיק און צימבלען מיט זייערע פויקען.

דאס זעלבע מיינע פריינד איז היינט: 95 פרא־
צענט פון קינדער, האבען קיין טאלאנט ניט פאר מוזיק און
ווילען עס ניט האבען, און זייערע אידישע נשמה'לעך רייסען

זיך צו זייער אידישער מוזיק, צו לערנען וועגען זייער זיידען אברהם, וועלכער צוברעכט דעם טאטענס געפער, ווי ער געהט ארוים אומבאשעדיגט פון קאלך־אויוועו. צו זייער זיידען יצחק וואס שטרעקט זיין האלז צו דער עקדה פאר זיין גאט; זייערע הערצלאך צאפלען זיך פון שרעק, און מיט אמאהל פון הימעל באווייזט זיך א מלאך און לאזט ניט קוילענען; צו יעקב'ן ווי ער אנטלויפט פאר עשו'ן; צו יוסף'ן ווי מען פאר־קויפט איהם און ווערט וויצע קעניג אין מצרים און דער טאטע מיט דער גאנצער פאמיליע קומען צו איהם. פרעה, מצרים, קריעת ים סוף, וואס פאר א שעהנע, ליכטיגע וועלט פול מיט פאעזיע און מוזיק און דא דארף ער צימבלען די פיאנא אדער דרעהען מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פידעל, וואס וועט איהם קיין נוצען ניט ברייגען אין דער היינטיגער וועלט פון ראדיא, גראמאפאן וואס מען קאן הערען די גרעסטע קינסטלער. די נשמה שרייט, און די מאמע הייסט שפילען צו באטויבען די געשרייען און די שמערצען פון זייער קינד, ווי אמאהל, ביים מולך.

גלויבט מיר, מיינע פריינד, אז א פרשה חומש אדער א קאפיטעל ישעיהו, אויסגעשפילט דורך א גוטען לעהרער, אויפ'ן קינדס מוח'ל און הערצעלע וועט איהם אלס קינד און א כל־שכן ווען ער וועט גרויס ווערען מעהר גליק און צופרידענהייט ברייגען.

מיין צייט איז באגרעניצט, איך וויל ניט מעהר, ווי אפעלירען צו אייך עלטערען, טאטעס און מאמעס פון דעם גרויסען פאלק ישראל! קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב. רייסט ניט אוועק אייערע קינדערלאך פון זייער גאט, תורה, פאלק און טראדיציע! לערענט זיי צו זיין אידען, גוטע אידען! גלויבט מיר איהר וועט קיין חרטה האבען.

לאָמיר ווערט זיין ניט נאָר אין יחוס אליין נאָר אויך דורך אונזערע קרבנות און מעשים טובים צו ווערען גע־רופען — קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב!

און מיר זאָלען מיט שטאָלץ קענען זאָגען, ניט פאַר־שעמטערהייד.

"ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור".

און די עקדה פון טאַטען יצחק — זאָלסטו צו זיינע קינדער געדיינקען מיט פיעל רחמים.

ווייל אויך מיר, זיינע קינדער, געדיינקען צו בריינ־גען קרבנות פאַר דיר, אב הרחמן!

דרוש ו.

החזקת התורה דער סיגנאל

געווידמעט צו דער גרינדונג פון ארטהאָדאָקסישען נאציאנאלען שוהל פארבאנד, און ישיבת רבנו יצחק אלחנן.

די זינקענדע שיף — דעם שיפס־קאפּיטאנס סיגנאל S. O. S. — ווען ווערט דער סיגנאל ארויס געשיקט? — דער ים החיים — פּעציפישע אידישע ימים — דעפּרעסיע כוואליעס און מאָרגיידזש לעבער ווילען דער שיף זינקען — אידישע הערצער אָמאָהל, און היינט? — מען צאָהלט מיט שכר לימוד מאָרגיידשעס, די לעהרער זאָלען האָבען ת״ת און ישיבות אָוואו צום הונגערען — אַ הארציגער אַפּפּיעל פון דער גוטער מאַמען — די תורה צו איהרע ליעבע קינדער אין אַמעריקע — אָוואו זי וואָלט זעהר וועלען האָבען איהר היים.

על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו. (תהלים, ל״ב, ו׳).

וועגען דיעזעם בעט צו דיר יעדער חסיד, ביי יעדער געלעגענהייט, אז, די פערפלייצונג פון פיעלע וואסער זאָל צו איהם ניט דער גרייכען.

אונזערע חכמים ז״ל (ברכות, ח׳), טייטשען אוים דעם פסוק וועגען פערשידענע פּאסירונגען אין מענשענס לעבען.

און רבי נתן זאגט, אז דער פסוק מיינט וועגן תורה, און ער ערקלערט עס אויף'ן פאלגענדען אופן :

דא שטעהט — מצא — געפינען. און ביי דער תורה שטעהט אויך דעםווארט — מצא — די תורה זאגט :

"כי מוצאי — מצא — חיים" (משלי, ח'), ווער עס געפינט מיר, געפינט לעבען. (עיין שם במשלי כל הענין).

דארפען מיר פערשטעהן, בשלמא ביי די אנדערע דרשות, וועלכע חז"ל דרשנען אויפן פסוק פון — לעת מצא — פאסט צו זאגען תפלה. צב"ש : דער חסיד איז מתפלל אז גאט זאל איהם העלפען, ער זאל געפינען א גוטע פרוי, ווייל—מצא— מיינט א אשה ; מציאה איז שייך ביי א אשה, ווי עס שטעהט : "מצא אשה מצא טוב" (משלי, י"ח).

אדער ווען עס וועט קומען זיין צייט אוועק צו געהן פון דער וועלט, איז ער מתפלל, דאס ער זאל שטארבען מיט א שעהנעם און גרינגען טויט.

אבער וואס איז שייך צו זאגען ביי תורה געפינען תפלה ? מעג א מענש מתפלל זיין טאג און נאכט אז ער זאל קענען לערנען וועט עס איהם ניט העלפען.

וויל ער געפינען תורה מוז ער זיך מאטערען, אנ- שטריינגען און לערנען און דאמאלס.

יגעת ומצאת תאמין", (עיין ברי"ף, שם ברכות, על עין יעקב), דער כתר תורה איז פריי פאר אלעמען, יעדערער וואס מאטערט זיך און לערענט קען עס באקומען.

אויך דארפען מיר פערשטעהן, אויב דער פסוק רעד וועגען תורה, ווי וועט ערקלערט ווערען דער צווייטער האלבער פסוק, "רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו", (עיין במפרשים,

שם ברכות), אז די פיעלע וואסערען זאלען צו איהם נים צו קומען, נים פערפלייצען.

דער געדאנק פון דעם קען מען זאגען איז פאל־גענדער:

ווען א שיף געפינט זיך אין א שטורעמדיגען ים, די כוואליעס בושעווען, שליידערען די שיף, ווארפען איהר אויף אלע זייטען, פערפלייצען איהר דעק מיט וואסער, דאך כל זמן דער שיפס־קאפיטאן זעהט אז זיין מאנשאפט איז מוטהיג, פול מיט האפענונג, ראנגלען זיך ענערגיש מיט די צו שטערענדע כוואליעס, פאמפען אוים די וואסער, וועלכע דרינגען אריין אין שיף, פערריכטען די שפאלטען און ברוכען וואס בעווייזען זיך דא און דארטען, האלט ער זיך אפ פון מאכען אן אליארעם, פון ארוים שיקען סיגנאלס דורך קייבעלס אדער ראדיא צו אנדערע שיפען וועלכע שווימען אין די ימים, זיי זאלען קומען זיי העלפען. ווען אבער ער דער זעהט אז יאוש־ווערים נעמען אריין דרינגען אין די הערצער פון זיינע מאט־ראזען, זיי ווערען אפהענדיג, לאזען אראפ די הענט, קעמפפען שוין מעהר נים מיט די כוואליעס, טראכטענדיג: "וואס איז די פעולה פון אונזער מיה און אנשטריינגונג, מיר זיינען סיי ווי פארלארען, באלד וועלען מיר אראפ זינקען צום אפגרונד צו זאמען מיט דער שיף, אלעס וועט זיך ענדיגען".

דאמאלס שיקט ארוים דער שיפס־קאפיטאן א דרינ־גענדען, פערצווייפעלטען סיגנאל, וואס רופט זיך S. O. S.

וואס מיינט:

"שיקט ארוים הילף", אדער:

"ראטעוועט אונזער שיף", אדער:

"ראטעוועט אונזערע לעבענס".

א ריכטינער, הערליכער שיפס־קאפיטאן פיהלט אז אין אנפאנג דארף ער זעהן מיט די הילף פון זיין מאנשאפט פערטיידיגען און בעשיצען די שיף און די לעבענס וואס איז איהם אנגעטרויט געווארען, און ניט ארויס שיקען ביי יעדער קלייניקייט S. O. S. סיגנאלען.

איינס, ניט אנצווארפען קיין אומזיסטע שרעק אויף די פאסאזשירען. צווייטענס, די שיף האט איהם אימער גע־טראגען אויף שטילע רוהיגע וואסערען און באשיצט אויך פון שטורעמדיגע ימים דארף ער איהר היטען; און אויב דורך אניט פאראויס געזעהענע סבה איז געווארען אין איהר א ברוך דארף ער זעלבסט מיט די גרעסטע אנשטריינגונג איהר פער־ריכטען; פאר דער פאר וועט זי איהם אין דער צוקונפט ווען דער צובושעוועטער ים וועט זיך בארוהיגען, ווייטער טראגען און שיצען.

"העולם הזה דומה לים זועף". די וועלט איז א גרויסער שטו־רעמדיגער ים, פאר יעדען פאלק. נאך שטורעמדיגער און געפער־ליכער איז די וועלט פאר אונז אידען, ווייל אויסער די כוואליעס פון לעבען, אויסער דעם ים החיים, אין וועלכען אלע מענשען קומט אויס צו שווימען און קעמפפען מיט די גלי׳ הים, האבען מיר אידען ספעציעלע ימים. אין וועלכע מען וויל אונז דער־טרינקען, ימים פון בלוט, טרערען און גזירות, וועלכע אונזערע שונאים פון אלע פעלקער אין אלע דורות האבען פאר אונז ספע־ציעל געשאפען אין ווערען ניט מיעד ביז היינטיגען טאג צו שאפען.

אויף די אלע ימים ווערען מיר געטראגען פון א שיף וועלכע רופט זיך: "ארון הקודש".

"הארון נושא את נושאיו". דער ארון טראגט זיינע פרעגערס.

די שטורעמדיגע כוואליעס פון פעלקער — הוי המון עמים רבים כהמות ימים יהמיון ושאון לאומים כשאון מים כבירים ישאון. (ישעיה, י״ז, י״ב).

וועה! דער געדויש פון פיעלע פעלקער איז ווי דאס רוישען פון ימים. און דער שטורעם פון די נאציאנען איז ווי דער שטורעם פון געוואלדיגע וואסערען. —

האבען אונז ניט געקענט דער טרינקען, אין אלע צייטען זענען ביים זעגעל-בוים פון שיף געשטאנען שיפס-קאפיטאנען, וועלכע האבען די תורה שיף זיכער געפיהרט איבער די שטורעמדיגע וואסערען, פון משה רבינו ביז די ראשי ישיבות אין היינטיגער צייט, זיי האבען געפיהלט די גרויסע אחריות וואס זיי טראגען פאר דער תורה-שיף און איהרע פאסאשירען— די אידישע פאלק.

די מאנשאפט, די אידישע פאלק, האט שטענדיג אוים געפאלגט די ארדערס פון די קאפיטאנען. יעדער ברוך אין שיף פון די כוואליעס איז גלייך פעררריכט געווארען מיט די גרעסטע מסירת נפש. יעדער ביסעל פרעמדע וואסער וואס האט אריין גערונען אין שיף איז אויסגעשעפט געווארען.

אויסער די כוואליעס פון אונזערע פרעמדע שונאים וואס האבען געוואלט דער טרינקען די שיף. זענען אויך געווען כוואליעס פון אייגענע שונאים. פארשטעלטע גוטע פריינד. און מיט זייערע כוואליעס פון אפיקורסות. אסימילאציאן, רעפארם און נאך פערשידענע פרעמדע אידעען געוואלט די שיף דער טרינקען, אסך זענען פון דער תורה שיף ארויס-געשפרינגען אין די כוואליעס פון אסימילאציע, רעפארם, אפיקורסות און דער-טרינקען געווארען. אבער די שיף אלס א גאנצע האט זיך גע-האלטען, א דאנק די שיפ׳ס קאפיטאנען, איבער די כוואליעס און געשוואומען זיכער.

היינט אבער, איבער הויפט אין אמעריקע, האט זיך די אידישע שיף גענומען טרינקען. אין דעפרעסיע—כוואליעס.— די שיפ'ס — קאפיטאנען פון תורה שטעהען פעסט ביים מאסט. אבער וואס קענען זיי נעבאך טאהן. אז די מאנשאפט איז גע־ווארען פערצווייפעלט? אידען זיינען געווארען פול מיט יאוש, אראפ געלאזען זייערע הענד, שווער זיי צו בעוועגען צו טאהן עפעס פאר דער שיף, ארוים צו צאפען די דעפרעסיע־ וואסער־ען פון די הייליגע ישיבות און ת"ת, דורך זייערע ביישטייערונגען, דורך צאהלען שכר לימוד, צו פערריכטען די מאר־געידזש־לעכער וואס איז אין די ישיבות, ת"ת און שוהלען גע ווארען דורך — די קריזים ־כוואליעס; — און אזוי יאוש'דיג, אפאטיש איז די אידישע פאלק געווארען אז זי האט פערלוירען איהר גאנצען מיטגעפיהל.

אידען רחמנים בני רחמנים, צו אלע ליידענדע און הונגעריגע און א כל שכן צו איהרע שיפס־קאפיטאנען. רבנים און ראשי ישיבות,מלמדים און לעהרער, וועמען זי האט שטענ־דיג הערליך געהאלטען און שטענדיג אכטונג געגעבען אז זיי זאלען האבען זייער פרנסה בכבוד, האבען פארלארען זייערע רחמנות געפיהלען.

— תלמידי חכמים האבען קיין מאהל ניט פון צו פיעל שפע גענאסען. אבער זייער לחם צער ומים לחץ איז וויג־ציגסטענס געווען זיכער, און זיי זענען געווען צופרידען, ווייל זיי האבען זיך געפילט גליקליך מיט זייער גייסטיגער וועלט, אז זיי קענען היטען די תורה־שיף, בעשיצען די אידישע פאלק, אויף האלטען איהר קיום. שטארקען איהר, טרייסטען איהר, לערנען תורה די אידישע קינדער — היינט איז דער לחם צר ומים לחץ אויך ניט זיכער; אזוי שטארק איז דער יאוש געווא־רען, אז די רחמנות'דיגע הערצער זענען פשוט פערשטיינט געווארען און אידען קענען זיך גאנץ רוהיג צו קוקען, ווי זייערע רבנים ליידען גרויס דחקות און נויט, פיעל מאהל הונגער,

ווי זייערע ראשי ישיבות און לעהרער שטעהען אויף זייערע פאסטענס ביי דער זינקענדינער שיף, און מיט הונגעריגע ליפען לערנען זיי זייערע קינדער, ווייל פיעלע חדשים האבען זיי זייערע קלאגליכע שכירות נים בעקומען, און איז זייערע הייטען הערשט ממש פערצווייפלונג.

און נים נור זענען די רחמנות געפיהלען פאר בני תורה און תורה פערטשעפט געווארען, דער ערשטער סמן פון א איד נור די צווייטע מדה, דער צווייטער אידישער סימן, בושה איז אויך אבגעטאהן געווארען.

מען שעמט זיך נים צו ענטזאגען די ארימע שיף-קאפיטאנען ווען זיי קומען בעטען עפעס שכירות, עס איז דא איין תירוץ. — אין לי — עס איז נישא, און מען בעמיהט זיך נים אין א סך פאלען צו בעקומען עפעס פאר די הונגעריגע.

מען שעמט זיך נים צו צונעמען דעם שכר לימוד וואס קינדער ברענגען און עס פארנוצען פאר אנדערע צוועקע, פאר חובות אדער פראצענט.

און אז די לעהרערס פרעגען: םטיימש? תיתכן?

נים אונז זוינציגםטענס אזועק דאס וואס עס קומט אריין פאר שכר לימוד. ענטפערען די פרעזידענטען און די דירעקטארען אהן בושה: "אויב מיר וועלען נים באצאלען די מארניידזשעס מיט די פראצענט וועט איהר נים האבען אוואו צו שטעהן און צו הונגערען".

און פיעל מאהל בעריהמט מען זיך און מען שמאלצירט אויף די גרויסע אויפטוהונגען, אויף די גוטע ארבייט צו ראטעווען דעם הייליגען אנשטאלט פון אונטערגאנג. די גוטע ארבייט בעשטעהט נים פון שאפען אדער אליין געבען הילף, אזוי ווי אידען האבען שטענדיג געטאהן נור — ווערט געשריגען!

אין שניידען אדער בעסער געזאגט — רייסען — שמערצליך, די אזוי אויך מאגערע שכירות פון די כלי קודש.

עס העלפט נים דער וועקען, שרייען פון די אידישע בימות צו ערוואכען די אידישע אחריות, די אידישע פעראנט־ווארטליכקייט און רחמנות.

עס העלפען נים די טעגליכע ריהרענדע אפפילען אין די נאציאנאלע טריבונעס, די אידישע צייטונגען ווי "דער מארגען זשורנאל", דער טאג און אנדערע", די פאלק האט אמאך געטהאהן פערצווייפעלט מיט'ן האנד, עט! סיי ווי זינקט אידיש־קייט און תורה אין אמעריקע, אומזיסט אונזער ארבייט, אונזער מיה און אנשטריינגונג. "זאל עס געהן ווי עס געהט".

און אין אזא קריטישען מאמענט, אין אזא שרעקליכע צייט, איז געהערט געווארען דיעזען יאהר ארוף פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן אז אלע ארטהאדאקסישע שוהלען פון אמע־ריקע זאלען זיך ארום איהר פעראייניגען אום די בעסטע קינ־דער פון אמעריקאנער אידענטהום, די פערטרעטער פון די אלע שוהלען זאלען צו זאמען מיט די גדולי התורה פון לאנד, ארוים געבען א דרינגענדען סיגנאל s. o. s. צו דעם אמעריקאנער אידישען פאלק:

ראטעוועט די תורה שיף ! ! !
ראטעוועט אונזער לעבען ! ! !
שיקט גלייך הילף ! ! !

ראטעוועט די שוהלען ! ! !
ראטעוועט די ת"ת ! ! !

דיזע ימים נוראים וועט מוזען דער סיגנאל רוף פאר חיזוק התורה ארוים געלאזען ווערען איבערן גאנצען לאנד אין

אלע שוהלען און בתי מדרשים, מען מוז מציל זיין די תורה און איהרע טרעגער!

גליקליך איז דער קאפיטאן, אז ווען ער שיקט ארויס S. O. S. וועט עס גלייך אויפגעכאפט פון א צווייטע שיף און זי קומט זיין שיף צו הילף, אבער ווי אומגליקליך און פערצווייפעלט, ר"ל, איז דער קאפיטאן און אלע שיף רייזענדע ווען קיינער הערט ניט דעם סיגנאל.

דאס זעלבע ציטערט די הארץ, און עס שרעקט זיך זעהר פאר דעם מורא'דיגען געדאנק: "טאמער ח"ו וועט דער סיגנאל אויך ניט ווערען דערהערט"? ווער ווייס ווי ווייט דער יאוש האט שוין אריינגעדרונגען? ווי הארט ער האט שוין געמאכט די הערצער? ווי טויב די אויערען?.

דארום איידער מיר שיקען ארויס דעם סיגנאל דארפען אלע חסידים ואנשי מעשה מתפלל זיין צום רבש"ע.

"על זאת יתפלל כל חסיד אליך". אז:—לעת מצא— דאס צו דער יעצטיגער געלעגענהייט. צו דעם יעצטיגען מא־מענט העלף אונז אונזער פאטער אין הימעל, רבש"ע! מאך ווייך די אידישע, פון יאוש פערשטיינערטע, הערצער, מאך אפען זייערע אויגען. אז זיי זאלען, ווי אידען גוטע און טרייע, ווי קינדער פון אברהם יצחק ויעקב. דער הערען דעם סיגנאל, און מציל זיין די תורה, דא אין לאנד, אז די פערפלייצונג זאל צו איהר ניט צוקומען.

"רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו."

זאלען אידען אויך דערהערען די זיסע ליבע געטרייע רייד פון דער מאמען — די תורה — ווי זי רעד צו זיי, ווי זי ערקלערט זיי. "ועתה בנים שמעו לי".

יעצט קינדער הערט מיר אויס :—

איך בין אייער מוטער, וועלכע איהר קינדער האלט אוים, זייט מפרנס, אבער דענקט ניט, אז אויב איהר וועט זיך ח"ו ענטזאגען פון מיר, וועל איך שוין אב שטארבען, און מעהר ניט קענען עקזיסטירען, דערפאר האב איך קיין מורא ניט, איך האב א קאנטראקט פון אונזער פאטער אין הימעל, אז איך מוז אייביג לעבען, און אייביג מוזען מיר די קינדער אויסהאלטען, האבען זיך מיינע קינדער פון איטאליע ענטזאגט פון מיר, מיר נישט געוואלט אוים האלטען, האבען מיר צו גענומען צו זיך מיינע קינדער אין פראנקרייך, און ווען די פראנצויזישע קינדער האבען זיך פון מיר אבגעווארפען, האבען די קינדער פון דייטש־לאנד מיר צו גענומען. און אז די קינדער מיינע אין דייטשלאנד האבען גענומען ווארפען אויף מיר א אום-חן. עפעס בין איך צו אלט, אלט-מאדיש, אלט-פרענקיש, און זיי האבען מיר גענומען אביסעל ארום פוצען, ארום רייסען און נייע רעפארם מלבושים אנגעטאהן. בין איך אוועק פון זיי צו מיינע ליבע קינדער אין פוילען, ליטא, פרייסען א. ז. וו.

אמת, געבאך ארימע קינדער אבער דאך אזעלכע טרייע, אזעלכע גוטע הארציגע, אזוי פיעל ליבע מיר בעוויזען, און האלטען מיך אזוי טהייער ביז היינטיגען טאג. קושען מיר און האלזען מיר, גיבען מיר אוועק דעם לעצטען ביסען פון זייער מויל, און זיי די אידען פון ליטא און פוילען, לעבען און וועלען אייביג לעבען כל זמן זיי וועלען מיר האלטען ביי זיך.

און וואו זענען יעצט די רייכע פראנצויזישע, איטא־ליענישע און דייטשישע קינדער ? וואס איז פון זיי געווארען ?

יעצט האב איך אנגעהויבען צו מאכען מיין היים אין דער ליבעראלער, גוטער אמעריקע, איך האב דא העכער פיער מילליאן קינדער — כן ירבו — גוטע קינדער, מיינסטענס פון פוילען, ליטע, גאליציען, אונגארן און ז. וו. וואו איהר האט מיר אימער אזוי געליבט און טהייער געהאלטען. איך האב גרוים

חשק צו זיין ביי אייך, איהר זאלט מיר מפרנס זיין ווי עס איז אייער עקאנאמישע לאגע איז אייך נאך, קינדער מיינע פון אמע-ריקע, בעסער ווי מיינע ארימע דערשלאגענע קינדער אין ארץ ישראל, פוילען, ליטע, רומעניע, א. ז. וו.

ניט קשה, השי"ת וועט אייך ניט פארלאזען, איך וויל זיין מיט אייך, איך וויל אז איהר זאלט זיין שטארקער צו געבונ-דען צו מיר, און מיר ליעבען ווי קינדער דארפען ליעבען א טרייע מוטער, און ווי גוטע קינדער מיר אויסהאלטען בכבוד, דאמאלס בין איך אויך זיכער, דאס איהר וועט אויך ניט פאר-געסען און אונטערשטיצען מיינע קינדער, און אייערע ברידער, אין יענע לענדער, אין יענע ישיבות פון ארץ ישראל, ליטע, פוילען א. ז' וו.

"ועתה בנים", אלזא קינדער, "שמעו לי". הערט מיר אוים, מיר אייער אלטע מאמען, "ואשרי דרכי ישמרו". גליקליך זענען די וואס היטען מיינע וועגען.

"אשרי אדם שומע לי". גליקליך איז דער מענש וואס פאלגט מיר". "לשקוד על דלתותי יום יום". וואס איז וואכזאם ביי מיינע טהירען טאג טעגליך. "לשמור מזוזות פתחי". און היט די מזוזות פון מיינע טהירען.

זיי זאלען זיך ניט ח"ו צושליסען.

און אז איהר וועט מיר פאלגען פערזיכער איך אייך אז איהר וועט לעבען און זיין גליקליך.

ווארום: כי מוצאי מצא חיים, דער וואס עררייכט מיר, עררייכט לעבען, ויפק רצון מה', און בעקומט געפעליגקייט פון גאט. (משלי ח' עיי"ש הפסוקים ל"ג ל"ו.)

דרוש ז.

לכל נדרי חינוך
דער טרינקענדער אינגעל

אַן אפיעל געווידמעט פאר די ישיבות פון ניו יארק.

ראטעוועט די יוגענד — עם הארצות — אסימילאציע — גאס אמטאַספערע — די אידישע היים אמאָהל און היינט — שארפע קעפּ און גמרא מחות — אונזערע יורשים — וואָס זעהען אונזערע קדושים — די חוצפה פון יצר הרע— די איניקלאך פון רבי עקיבא און רבי חנינא בן תרדיון — אַ מעשה מיט אַ משולח — אַ וואָלקען אויף דער מזוזה — אַ וועה געשריי אויף עלבונה של תורה — א לימוד זכות אויף אַמעריקאנער אידען.

„הם קטיגור וקח סניגור מקומו."

זיצענדיג אַ מאָהל ביים ברעג ים אין ענגלאַנד האָב איך געזעהען ווי אַ סך מענטשען שטעהען פארגאפט און אויף זייערע פּנים'ער איז אויסגעגאָסען שרעק, אויפרעגונג און רחמנות, אייניגע פרויען האָבען אויך ביטערליך געוויינט און זייערע יאמערען האָט אויך אויפגעציטערט די נערווען פון יעדען נייע אנגעקומענעם.

דאָך האָב איך געזעהען אייניגע מענשען שטעהען קאַלטבלוטיג, ניט ארויסווייזענדיג קיין שום צייכען פון שרעק אָדער פון רחמנות-געפיהלען אזוי ווי ניט זיי מיינט מען, ניט זיי געהערט דאָס אָן.

מען האָט זיי נאָר געקענט זעהן, אמאָל איינעם אַ מאָהל אַ צווייטען, אמאָך טהוענדיג מיט דער האַנד: "עט! ער איז פערלאָרען, מען וועט איהם שוין ניט אַרויסראַטעווען". ווען איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגען וואָס דאָ האָט פּאַסירט? האָט מען מיר דערצעהלט אז אַ יונגער איינגעל האָט זיך דערטרונקען אין ים און איצט זוכט מען עס איהם. נאָך אַ פערלויף פון צעהן מינוט זוכען האָב איך געהערט מען שרייט: "מען האָט איהם שוין געפונען, אָבער ער איז טויט". די דאָקטוירים האָבען געאַרבייט צו ברענגען איהם צוריק צום לעבען, און די וועלכע האָבען פריהער געפיהלט דעם פערלוסט פון אַ יונגען לעבען דורך אזא פּלוצליכען טראַגישען טויט, האָבען מיט געהאָלפען מיט אַלעם מעגליכעם צו ראַטעווען דעם יונגען קינד.

זיי האָבען איהם געשליידערט, געוואָרפען און גע-הויכט אין איהם, ווי זיי וואָלטען געוואָלט אַ טהייל פון זייער לעבען אין איהם אַריינבלאָזען; די יעניגע אָבער וועלכע האָבען זיך שוין פון פריהער מיאש גייזען זענען געשטאַנען פון ווייטען און אַלץ אוועקגעמאַכט מיט די הענד "עט! ס'איז אומזיסט, ער איז טויט".

מיט אַמאָהל האָט דאָס קינד אָן אָטעם געטהאָן און דער גאַנצער עולם האָט אין ענטציקונג אַרויסגעלאָזען אַ געשריי: "ער לעבט! ער לעבט!" שנעל ווי אַ בליץ איז דער אויסגעשריי געלאָפען ביז צו די לעצטע רייהען און פון דאָר-טען זיך אָנגעשלאָגען אָן די ים כוואַליעס און שטיל געמאַכט זייער אייביגען רוישען, אזוי ווי ער וואָלט נקמה גענומען פון זיי, פאַר זייער וועלען איינשלונגען דעם יונגען לעבען.

און דער עקא — "ער לעבט" האט טיף אריינגע־דרונגען אין די הערצער פון די צוויפלער. און שניידענד באַ־שטראַפט זייער געוויסען פאַר דער מוטלאזיקייט און יאוש, דורך וועלכען א לעבען האט געקאַנט פארלאהרען געהען.

די בילד קומט מיר שטענדיג ארויף אויפ'ן געדאנק ווען איך גיב א טראכט וועגען אונזערע יונגע קינדער, וועלכע טרינקען זיך, צום באדויערען, אין א ים פון אונוויסענהייט, פראַקטיקיים און אסימילאציע.

דאָס אידישע פאָלק, וועמען גאָט האט ארויסגע־נומען פון מצרים אום צו מאַכען איהם פאַר א ממלכת-כהנים, א לעהרער פאר דער וועלט—און ווירקליך האָבען מיר זיך גע־רופען עם הספר, א קולטור פאָלק מיט געטליכע און מענטש־ליכע אידעאַלען, וואָס מיר האָבען דער גאַנצער וועלט געגע־בען — איז צום סוף געקומען צו אַזאַ שטופע אז ניינציג פראָ־צענט פון דער אידיש אַמעריקאַנער, געבויירענער יוגענד קען אפילו קיין עברי ריכטיג ניט זאָגען, קען ניט און ווייסט ניט ווי צו דאַוונען.

אונזערע טאַטעס זאָגען זיך מיט שטאָלץ: "אתה בחרתנו" האָסט גאָט אונז אויסגעקליבען פאַר דיין געליבטעס פאָלק און אונז א תורה געגעבען, כדי מיר זאָלען זיין מעהר געלערענט פון אַנדערע פעלקער: און אַז דאָס איז אמת — קענען דאָך טאַקע אונזערע קינדער דאַרויף עדות זאָגען. —

די גרויסע, רייכע נשמה פון דעם אידישען מאַר־טירער פאָלק טרינקט זיך סיי אין גאַס, סיי אין הויז, וועלכע זיינען, צום גרעסטען טהייל, וואַכעדיג און פרעמד צום אידישען גייסט און צו דער אידישער נשמה.

ניטאָ מעהר יענע הימעלשע אַטמאָספערע פון אונ־זערע שבתים און ימים טובים, ווען מלאכים מיט ווייסע שכינה

פלינלען זייענען ארום געפלויגען און געפלאטערט איבער דער אידישער גאס און הויז, אין וועלכע דאס אידישע קינד האט מיט זיין צארטער און פיהלענדער נשמה אין זיך אריינגע־זאפט יענעם געטליכען געטראנק, וואס האט איהם לעבען געגע־בען, געשטארקט און געמוטהיגט צו טראגען זיין תורה און זיין נאציאנאלען אידישען שטאלץ דורך אזא לאנגען און שרעקליכען גלות.

ניטא דא יענע הייזער, וואו דאס אידישע ווארט האט אלע מאהל געקלונגען פון טאטענס תורה, דאוונען, מעביר־סדרה זיין, תהלים זאגען און זמירות זאגען, און פון דער מאמעס טייטש־חומש און הארציגען געבעט צום גאט פון אברהם יצחק און יעקב, ווי נאר די אידישע מאמעס האבען געקאנט בעטען.

היינטיגע טאטעס און מאמעס האבען אנדערע זאכען וואס צו טאן אין דער לידיגער צייט: קארטען שפילען, ביליגע ביכער לעזען, נארישע מואווים זעהען, לצנות טרייבען, פאנטאזירען פון גוד־טיימס, לוקסוסען, מאשין ריידס, פראנק־פארטערס און אייז קרים; דאס זיינען די גייסטיגע אטמאס־פערעס אין וועלכע אונזערע קינדער ווערען ערצויגען און ענ־טוויקעלט; זייערע מחות ווערען דא אזוי פארטעמפט, אז עס גלויבט זיך גארניט אז דאס זיינען טאקע די קינדער, פון דעם פאלק וואס האט געקלונגען מיט זיין שארפען גמרא־קאפ; דער אידישער קאפ וואס האט געקאנט וועלטען איבערקעהרען מיט זיין שארפקייט, ברען און פלינקייט, דארף איצט נעהמען זיבען יאהר זיך צו לערנען די ברכות פון דער תורה און הפטורה. און ווען די צייט פון דער בר־מצוה קומט, קען ער מעהרסטענטהיילס אפילו דאס אויך ניט, און מען מאכט נאך פארטים צו דער גוואלטיגער שמחה.

אַז די קינדער זועלען דאָס טאַקע פון אזא ערציהונג ווערען די גרויסע יורשים פון דער רייכער קולטור וואָס מיר האָבען באַקומען פון אונזערע עלטערען?

ווייסען די פאָטערס און מוטערס דאָס אויף זייערע קינדער, אויף וועמען זיי געפינען ניט פאַר גייטיג אַכטונג צו געבען, ווען זיי פאַרלאָזען שבת די הויז, צו געהען זיי אין שוהל אָדער שפּילען פוט-באָל אין פּאַרק, קוקען דורות פון מאַרטירער, וואָס האָבען אויף די אויטאָ דע-פעס פון דער שפּאַנישער אינק-וויזיציע זיך געלאָזט פאַרברענען מיט — שמע ישראל — אויף זייערע שטערבליכע ליפּען?

ווייסען זיי אַז די קדושים קוקען אויף זייערע קינדער, זיי זאָלען פאַרטזעצען, פלעכטען די גאָלדענע קייט כדי זי זאָל חס וחלילה ניט ווערען איבערגעריסען?

יע! אונזערע עלטערען מיט זייער נאָכלעסיגקייט, געלט זוכעניש און פאַרגעניגען יאָגעניש האָבען זייערע הייזער פאַר ימים געמאַכט, אין וועלכע די אידישע נשמות פון זייערע אייגענע ליעבע קינדער, טרינקען זיך און שרייען: ״ראַטעוועט! לאָזט אונז ניט אָפּשטאַרבען פון דעם גרויסען אידישען פאָלק; לערענט אונז, כדי מיר זאָלען וויסען וואָס הייסט אידענטהום און אידישע תורה און חכמה״.

ליידער אָבער שטעהט דער גרעסטער טהייל פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס אין אַמעריקאַ פון וויטען און עס אַרט איהם ניט, ניט פאַר זיינע קינדער בפרט און ניט פאַר אַלע אידישע קינדער בכלל, ווי זיי ווערען ערצויגען; וועמענס האַרץ עס וועהטאָגט ניט און בלוטיגט ניט, צו זעהענדיג ווי די אידישע יוגענט טרינקט זיך גייסטליך און מאַכען בלויז מיט דער האַנד פאַרצווייפעלט:

עם! אין אמעריקא קען מען גאר ניט אויפטאן, עס איז פארפאלען. צום גליק האבען זיך געפונען אין אמערי־קא אידען מיט גרויסע נשמות, מיט ווארימע הערצער, און מיט געטליכע מסירות נפש'דיגע כחות, וועלכע האבען געטומען ראטעווען דעם דער טרונקענעם יוגענד, איהם ארויסגעצויגען פון דעם עם־הארצות אין אסימילאציאן־ים. ישיבות און פאראקיאל סקוהלס געגרינדעט, איהם גענומען מונטערען, געהויכט אויף איהם מיט זייער רעליגיעזנעם פייער, און איהם דערווארימט, אריין געבלאזען אין איהם א רוח חיים, און דער אייביגער קול יעקב האט גענו־מען קלינגען אין די ת"ת און ישיבות און אין א סך אידישע הייזער.

און עס האט זיך דער הערט מיט אמאהל די גרויסע בשורה: "ער לעבט! ער לעבט! דער יוגענד לעבט אויף! דער אידישער גמרא ניגון קלינגט ווייטער".

און דער עכא: "ער לעבט! ער לעבט"! האט אפ־געקלונגען פון ניו יארק ביז שיקאגו און פון מיין ביז קאלי־פארניע. נאך ישיבות און פאראקיאל סקוהלס האבען זיך אין אנדערע שטעדט געגרינדעט, נעמענדיג פאר זיך א מוסטער די מאמע־שטאדט ניו יארק. פון אנדערע שטעדט האבען זיך קינדער גענומען ציהען צו די ישיבות פון ניו יארק, ווי אמאהל נאך מיר, איישישאק און וואלאזין.

טריאומפירט האבען די רעטער, זיי האבען דעם יוגענד אנגעהייבען צו ראטעווען.

פארשעמט זיינען געווארען די בעלי יאוש, און זיי האבען אראפ געלאזען די קעפ, בעגרייפענדיג דאס, דורך זייער נאכלעסיגקייט האט געקענט א גאנצער יוגענד ווערען גייסטיג דערטרונקען אויף אייביג.

נאר צום בעדויערען איז ניט באשערט געווען די רעטער צו האבען לאנג נחת. געשטארקט האבען זיך די כחות פון שטן און אונטער א היפאקריטישע מאסקע פון דעפרעססיע האט ער אנגעהייבען צו דער טרינקען אלעם וואס איז געשאפען געווארען מיט אזוי פיעל מיה.

"אך, ווי שרעקליך ביזטו אמעריקאנער שטן"!

אז דו האסט געקענט נעמען א עדה אידען פון אייביגען עם הספר, א עדה ניט פון צעהן און ניט פון צוואנציג, ניט פון הונדערט און ניט פון טויזענט, זאגאר ניט פון צעהן טויזענט און הונדערט טויזענד אידען, נאר פון קרוב צוויי מיליאן נפשות. דריי מאהל אזוי פיעל פון יוצאי מצרים, כן ירבו. אן עדה ניט פון קאבצאנסק און גלופישאק, נאר פון ניו יארק, וואו, ברוך השם, מען וואהנט נאך אין שעהנע אפארט־מענטס — קיין סך גוטע אפארטמענטס שטעהען ניט ליידיג — און מען פארט נאך, א דאנק גאט, אין אויטאמאבילען — די סטריטען קען מען נאך אלץ ניט אריבער געהן — און מאכען זיי ווען עס קומט צו תורה, פאר שרעקליכע קבצנים. זיי זאלען, פארלירען זייער גאנצען שטאלץ, און זיך ערקלערען, בנוגע חינוך באנקראט, אויף אזוי פיעל אז מען האט ניט די מעג־ליכקייט צו לאזען זיך קאסטען כאטש א שקל אדער מחצית השקל, א האלבען דאלאר א יאהר — ניט ח"ו א האלבען דאלאר יעדער וואך. —

ווארום ווען עס וואלט דורכשניטליך קאסטען יעדער נפש א סענט א וואך וואלט זיין א מיליאן דאלאר אויס צו האלטען אלע פאראקיאל סקוהלס אין ניו יארק מיט זייערע פינף טויזענט תלמידים, כן ירבו, און מען וואלט ניט דארפען מבזה זיין די תורה, און ארום שלעפען זיך טאג איין און טאג אויס מיט א טארבע פאר איהר, און מען וואלט ניט דארפען שטעהן מיט פושקעס אויף די בית החיים'ס און שרייען —

צדקה תציל ממות — העלפט די תורה, און וועקען די אבות און אמהות פון זייערע קברים, ניט לאָזען זיי דאָרטען רוהען, הערענדיג וואָס זייערע קינדער האָבען פון זייער הייליגער ירושה — די תורה געמאַכט.

"אך, ווי פינסטער זיינע דיינע כחות, אמעריקאַנער יצר הרע"!

אז דו האָסט געקאָנט נעמען די אייניקלאך פון רבי עקיבא'ן און רבי חנינא בן תרדיון, וועלכע האָבען פערזאַמעלט אידישע קינדער און געלערענט מיט זיי תורה ברבים, אין דער צייט ווען די פליגלען פון מלאך המות האָט געפלאַטערט איבער זייערע קעפ; און ווען מען האָט זיי געכאַפט און רבי עקיבא'ס לייב האָט מען מיט אייזערנע קאַמען געריסען און רבי חנינא בן תרדיון'ס קערפער האָט מען ארום געוויקעלט מיט נאַסע וואָל, ער זאָל ניט ווערען גיך פארברענט, און געוואָרפען אין פייער, האָבען זיי מיט שמחה געלייענט ק"ש, זינגענדיג און טאַנצענדיג, דאַנקענדיג גאָט דאָס זיי האָבען ענדליך זוכה געווען, צו אזא זכיה צו שטאַרבען דורך אזעלכע שרעקליכע יסורים, פאר... תורה לערנען מיט תלמידים.

און ענדליך קענען מקיים זיין, פערווירקליכען דעם גרויסען לעבענס וואונש פון: ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, ליעב גאָט, דיין גאָט, מיט דיין נפש, אפילו ווען דיר קוסט אוים אפצוגעבען דיין לעבען.

און דאָ אין אמעריקע געפינען זיך א סך, א סך פון זייערע אייניקלאך וואָס ווען זיי דערזעהען א משולח אָדער קאָלעקטאָר פאר א ישיבה אָדער א גבאי פון א ת"ת געהט מאַגען א פאר דאָלאר פון פאר־א־יאָהריגען אפּפּיעל, או'ער כתם א נדבה צו העלפען תורה, פערבעהאַלטען זיי זיך אונטער די בעטען, אין די שאַפּעס, לויפען אריין אין א הינטערשטען צימער און הייסען א קינד זאָגען: "אז פּאַפּאַ איז ניטאָ אין דער היים".

אזוי פערפינסטערט האסטו שטן די אויגען און גע־פיהלען פון א סך, וואלט זייערע אויגען געווען ליכטיג וואלטען זיי דאך געקאנט דיר, שטן, זעהן — ליגענדיג פערבעהאלטנער אונטערען בעט — ווי דו, שטן, שטעהסט און לאכסט מיט אמעפיסטאפעלישען געלעכטער, ווי א אמת'ער לץ, פון זיי זיי וואלטען זיך פאר זיך אליין פארשעמט, און וואלטען זיך גוט ארום געוואשען מיט זייערע אייגענע טרערען, וואס וואלטען געשטראמט אהן אויפהער פון זייערע אויגען.

אך! ווי חוצפה'דיג, פרעך און אונפארשעמט ביזטו, אמעריקאנער שטן! אז דו האסט געהאט אזא מוטה צו פועלן ביי זיך צו מאכען אזא תכלית פון אונז, צו ברייגגען אונז צו אזא נידעריגע מדרגה, צו פערוואנדלען אונז פון מסירת נפש'דיגע סניגרים פון תורה פאר יאוש'דיגע מוטהלאזע פעסי־מיסטישע קטגרים.

אז דו האסט געקאנט נעמען רייכע, שטאלצע מענשען, אידישע זיהן און טעכטער ראיעלע ביזנעס-לייט, וואס אויף זייער ווארט אין דער ביזנעס וועלט קען מען בויען פעסטע בנינים, און מאכען פון זיי אונפארשעמטע ליגנער, ווען עס קומט צו צדקה: זיי זאלען זיך ניט שעמען צו יאמערען און קלאגען ממש מיט קראקאדיל טרערען אויף דער שלעכטער צייט, אז עס איז ניטא פון וואנעט א לעבען צו מאכען;

אין דער צייט וואס פאר לוקסוס און פערגעניגענד ספענדעט מען נאך היינט שווערע טויזענטער.

איך קען ניט פארגעסען פאלגענדען שטערצליכען בילד: זיצענדיג אמאהל אין א רייכע הויז, וועלכע דער עקא־נאמישער קריזיס האט ווייניג וואס אנגעריהרט. האט אנגע־קלונגען א משולח פאר א געוויסען ארץ ישראל אינסטיטושאן —גראדע אין די דינסט אז הויזע ניט געווען, דען דאמאלס וואלט די דינסט געעפענט די טהיר, און ווען זי וואלט דאך דער זעהן

א אידען מיט א באָרד וואָלט זי פאַרשטאַנען ווער ער איז און וואָס ער וויל. און זי וואָלט זאָגען דעם בעוואוסטען פּזמון וואָס מען האָט איהר אָנגעזאָגט: "קיינער איז ניטאָ אין דער היים". דאָרום האָט די לידי אַליין די טהיר געעפענט, און וואָלט זי ניט מורא האָבען אַז מיר אין צווייטען רום זאָלען הערען איהרע ווערטער, וואָלט זי אויך זאָגען: "איך בין די דינסט, מיסטער און מיסעס זיינען צו הויזע ניטאָ."

אזוי האָט זי העפלאַך געזאָגט!

וואָס ווינשען זיי? דער משולח אַלעם ענטפער און זייענדיג זיכער אַז דאָ וועט ער שוין טרעפען, מען וועט איהם ענטפערען, האָט גלייך אַרויס גענומען אַ קבלה, איך האָב גע־דיינקט אַז געווים אויף פינף דאָלאַר, אָבער ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען, ווען איך האָב געהערט ווי דער משולח זאָגט, אַט איז אייער פאַר־אַ יאָהריגע קבלה אויף... פופציג סענט, אַ האַלבען דאָלאַר.

ניט לאַנג האָט די ערשטוינונג מיינע אָנגעהאַלטען, ווייל איך האָב געהאַט באַלד אַ גרעסערע איבערראַשונג, דער הערענדיג דער לידים שטימע באַגלייט מיט אַ קרעכץ, יע! ר' איד איך בין זייער סאָררי, איך קען דעם יאָהר גאָר ניט געבען, די צייטען זיינען שלעכטע, דעפּרעשאָן שטאַרק, מען פאַרדינט גאָרניט, די הוצאה גרויס און אזוי ווייטער, א. א. און..

דער משולח האָט שוין מעהר ניט גערעד, ניט גע־בעטען. בעטען איז גוט ווען איינער האָט און וויל ניט געבען, אַפּעלירט מען, בעמיהט מען זיך צו ערוועקען אין יענעמ'ס האַרצען רחמנות, אָבער ניט ווען יענער האָט ניט, ווען מען דאַרף גאָר יענעם געבען, ווען ער אָדער זי וואָלטען זיך ניט שעמען וואָלטען זיי דאָך אַליין געבעטען הילף.

דער הונגעריגער משולח, פון דעם נאך מעהר הונ־געריגען אנשטאלט האט א גרויסען קרעכץ און א שטארקען זיפץ געטאהן, איך וויים ניט אויף ועמען, צי אויף זיין לאגע, צי אויפ'ן אנשטאלטס לאגע, אדער אויף דער ארימע ליידי, וואס איז נעבאך געקומען צו אזא ארימען מצב.

און נאכדעם, ווי זי האט דעם משולח מיט איידעלקייט ארוים באגלייט איז זי ארײן געקומען מיט א שמייכעל אויף די ליפען, פארדינט יעצט פופציג סענט דורך א קלייניגען ליגענדעל, פון וועלכע אפילו א רוסישער קאזאק וואלט זיך פארשעמט, און מען האט זיך אוועק געזעצט שמועסען וועגען פלענער פאר א לוסט־רייזע נאך אייראפא, אויף וועלכע, עס איז שוין דא א סך אזעלכע פופציג סענטיגע צושטייער.

איך האב מעהר ניט געקענט זיין אין דער הויז. די אטמאספערע האט מיר געשטיקט.

ווען איך בין ארויס געגאנגען האב איך געזעהן א וואלקען, כביכול, פארצייגען אויפ'ן "שדי" פון דער מזוזה, אויף וועלכע דער משולח האט נאר וואס געהאלטען די האנד און געקושט, און איך האב געהערט א וועה געשריי, א עכא פון יענעם בת קול וואס געהט אלע טאג ארויס פון הר חורב, "אוי להם לבריות מעלבונה של תורה" וועה צו זיי, צו די אלע בריות, זאמע בריות, בריות אלרייטניקעס, און בריות אל־רייטניצעס, פרות הבשן'דיגע בריות, פון דער שאנדע פון דער תורה, וועלכע זיי זיינען אזוי פיעל מבייש.

און אלעם א־אוהב ישראל, וואס זוכט אימער דן צו זיין לכף זכות, יעדערען — אזוי דארף א רב זיין — האב איך גענומען מלמד זכות זיין, און איך האב צום רבש"ע געזאגט די ווערטער פון אליהו הנביא:

"ואתה הסיבות את לבם אחורנית", מ"א, י"ח.

דו, נאטעניו, האסט עס זייער הארץ צוריק געקערט. און דו האסט אליין מודה געווען אז אליהו איז גערעכט, דו האסט געזאגט: "ואשר הרעותי" איך האב עס גורם געווען מיט דעם וואס איך האב באשאפען דעם יצר הרע. (ברכות ל"א).

עס וואלט זיי אפשר אזוי פיעל ניט שאטען דער יצר הרע, ווען די ליטווישע אידען וואלטען מיט געבראכט מיט זיך זייער ליטווישען יצר הרע, פוילישע זייער יצר הרע און דאס גליכען גאליציאנער און רומענער אידען זייערע יצר הרע'ס.

אבער אז זייערע אייראפאישע יצר הרע'ס האבען זיי דארטען איבער געלאזען און דא האבען זיי אמעריקאנער יצר הרע'ס באקומען, וועלכער פערמאגט אזא שרעקליכען אפעטיט, אזא גרויסען בית הבליעה, אזוי פיעל חוצפה און אונפערשעמטקייט. טו וואס קענסטו פון זיי ערווארטען?

שדי! אלמעכטיגער גאט — קרע שטן! צוריים דעם שטן, שטיקלאך שטן, ברעקלאך פון אמעריקאנער יצר הרע קען אויך קלעקען.

דאמאלס וועט רבש"ע זיין.

"המקטיגור" — די קטיגרים, די בעלי יאוש, די שווארץ זעהערס וואס זעהען נאר שאטען, ניט ליכט אין דעם אמעריקאנער אידישען לעבען, וואס שרייען אימער: "עס, אין אמעריקא איז אלץ פארפאלען, מ'קען דא נארנים ראטעווען". וועלען ווערען שטיל, אידען וועלען צוריק זייער אהבת התורה באקומען, אידען וועלען צוריק זיין געגרייט זיך מוסר נפש צו זיין, ברייגגען די שווער־סטע קרבנות זאגאר, פאר זייערע הייליגטהומען.

וקח סניגור—מקומו—דעם ארט פון —קטיגור—וועט פארנעמען דער —סניגור—די וועלכע האבען געבוים ישיבות און ת"ת, די וועלכע האבען אנגעהייבען צו ראטעווען אידישקייט, ארוים צו ציהען דעם יונגענד פון עם הארצות און הפקרות ים, זיי וועלען זאגאר אריין בלאזען א רוח חיים אין די הערצער פון די בעלי יאוש קטיגורים, און אלע צוזאמען וועלען מיר ראטעווען דעם יונגענד.



דרוש ח.

תורה — עץ חיים

דער נאנקאנדאקטאר בוים

דער וואונדערליכער בוים — דער אידישער בע־שיצונגס בוים — ווארום זענען פיעלע אידען קומענדיג אין פרייע לענדער, געבליבען פעסט ביי אידישקייט — און אנדערע ניט? — חנוך — וואס דארפען עלטערען טאהן אום זייערע קינדער זאלען בלייבען פעסטע אידען? — פאלשע נאנקאנדאקטארס — רעפארם — אידען אין דייטשלאנד — וואס לערנען מיר פון דעם היינטיגען שטורעם —

אין מזרח אינדיע געפינט זיך א בוים, וועלכער רופט זיך: "נאנקאנדאקטאר אף לייטנינג".
ער רופט זיך מיט דעם נאמען ווייל ער לאזט ניט אדורך דורך זיך קיין היץ און קיין עלעקטרישע כוואליעס.

ווען די איינוואהנער פון יענע טראפישע מקומות זעהען, אז עס האלט ביים אנקומען א גרויסער שטורעם מיט דונערען און בליצען, פארזאמלען זיי זיך אונטער דיעזען גרוים צווייגענדיגען בוים מיט זייערע פאמיליעס און טשערעדעס.

עס מעג ווי שטארק דונערען, ווי שרעקליך בליצען, קימערט זיי דאס ווינציג, און זיי זיצען זיך רוהיג אונטער דיעזען וואונדערליכען בוים אהן שום פחד.

נאר פאר איין סכנה שרעקען זיי זיך יע. נעמליך: עס טרעפט אמאהל אז א זייטיגער בוים ווערט געטראפען פון א דונער, אדער א ווינט רייסט איהם אוים און דער בוים פאלט ארויף אויפ'ן בוים, אונטער וועלכען זיי בעשיצען זיך, קען ער מיט זיין שווערע משא איינברעכען דעם בוים און זיי טויטען.

דאס איז אבער נאר מעגליך צו פאסירען: — ווען זייער באשיצונגס-בוים איז שוואכער פון דעם אומגעפאלענעם בוים—ווען אבער ער איז שטארקער און זיינעווארצלען זיינען טיעף אין דער ערד פארווארצעלט דאמאלס האלט ער איין די משא, ברעכט זיך ניט און פאלגליך זיינען זיי גערעטעט.

שוין טויזענטער יאהרען ווי מיר אידען לעבען אין שטורעמדיגע אטמאספערעס, די מבול'ס פון בלוט און טרערען, די קראכענדע קלעפ פון די דונערען, די אויגען-בלענדענדע פייערען פון די בליצען איבער אונזערע קעפ זיינען שרעקליך און פארכצום, אימער ציעלען זיי זיך צו אונז און וואלטען וועלען מיט איין מאהל אונז פארניכטען.

אבער.... זיי קענען ניט.

וואס באשיצט אונז, און דערלאזט זיי ניט צו אונז צו צוקומען?

„דער נאנקאנדאקטאר. — דער עץ חיים — די תורה".

און אונזער עץ חיים באזיצט אויך א געוואלדיגע ריעזען-קראפט אויף צו האלטען אויף זיך די אנדערע בוימער, וועלכע פאלען אויף איהם, וועלענדיג איהם איין ברעכען.

פיעלע פעלקער ווי יון, שפאניע, פארטוגאל א. ז. וו. האבען שוין געפרובירט דורך צוואנג ארויף ווארפען אויף איהם די גרויסע משאות פון זייערע שווער-דריקענדע, מ'שטיינס געזאנט, עצי הדעת, רעליגיאנען, קולטורען, אידעען און שטרע-

בונגען. אבער אונזער עץ החיים איז געגוג שמארק—געוועןֿ— איז — און — וועט זיין — בייצושטעהן זייער שווערען דרוק.

אמאהל פאסירט אויך אז זוכענדיג זיך צום ראטעווען לויפען זיי ארונטער אונטער א בוים, וועלכער זיי דוכט זיך אז דאס איז — אנאנקאנדאקטאר בוים — ווייל ער איז א ביסעלע הענליך צו איהם. פיעל מאהל גילט זיי אפ, דער שטורעם געהט איבער און זיי געהען ארויס פון אונטער'ן בוים גאנצע, קיין זאך איז נים געשעהן, נים צו זיי און נים צו זייערע משערעדעס.

דאן דיינקען זיי אז דאס איז טאקע דער ריכטיגער בוים אונטער וועלכען מען קען זיך אימער באשיצען פון דו־נערען און בליצען, ביז עס פאסירט אז א דונער טרעפט אין דעם בוים, וואס פאראורזאכט זיי פיעל מאהל גרויסע פארלוס־טען פון לעבענס און פארמעגענס. דאן כאפען זיי זיך אז דאס איז נים דער ריכטיגער באשיצונג-בוים, און נעמען אויף זיך ווייטער צו זיין פארזיכטיג צו וויסען און דערקאנען.

דאס זעלבע האט פאסירט אין דער אידישער היס־טארי. עס זיינען געווען צייטען וואס אידישע בעלי עצות האבען געראטען אידען ארונטער צו געהן אונטער אנדערע באשיצונגס-בוימער, ערקלערענדיג אז דאס זיינען אויך, נאנקאנדקטארס, ביז עס פלעגט קומען א שטורעם פון דונערען און בליצען און אידען האבען זיך ארום געזעהן אז זיי זיינען נעוועו פארפירט. געשטורעסט האבען די משכילים פון די אכציגער יאהרען אז אידען זאלען ארונטער געהן אונטער דעם באשיצונגס-בוים וואס רופט זיך השכלת. בילדונג; ווען אידען וועלען געהן אין גימנאזיעס און אוניווערסיטעטען, קענען די רוסישע שפראך, ליטעראטור, מנהגים, דאמאלס וועלען שוין אידען זיין באשיצט און זייערע רעכטע געזיכערט.

וואס איז געווען די ענדע ? מען האט ארוים גע־שלעפט איבער געוואלד אידישע קינדער פון זייערע ישיבות און בתי מדרשים, אריין געבראכט זיי אונטער דעם עץ הדעת פון רוסיפיקאציע, און מען האט זיך געפרעהט, מען איז באַשיצט ביז...

עס האבען זיך אנגעהויבען די פאגראמען און מען האט געמאכט א צעהן פראצענטיגע נארמע פאר אידישע סטודענטען, און דאן האט מען דערזעהן אז מען איז ארונטער געפיהרט געווארען אונטער א פאלשען באשיצונגס-בוים.

ביים רוסישען מוזשיק-פאגראמשציג האט גענומען קנאפער צייט צו איבערצייגען די זשידעס אז זיי זיינען נים אונטער׳ן ריכטיגען בוים. ער האט גענומען זיין פרימיטיווע האק, קאסע און טערפע און גענומען האקען דעם באשיצונגס־בוים, און די אידען אונטער איהם.

אין אנדערע לענדער האט עס גענומען לייגער, פארט איידעלערע, געבילדעטערע, אבער אויך זיי האבען געגעבען און גיעבען ביי יעדער געלעגענהייט אידען צו פאר־שטיין אז ווי זאלען זיך נים איין שמועסען אז זיי זיינען שוין אונטער׳ן ריכטיגען באשיצונגס-בוים.

די שמארקסטע, שמערצליכסטע און שענדליכסטע לעקציאן וואס די גאנצע אידישע פאלק לערענט איצט איז, צום בעדויערען, פון דעם שרעקליכען אשמדאי מלך השדים — היטלער.

עס איז געווען בערלין וואו די פארזארגער און רעפארעם לעהרער פון אידען האבען ארוים געלאזען די לאזונג :

״נהיה כגוים כמשפחות הארץ״ !

לאמיר זיין ווי די גוים, לאמיר ארונטער געהן אונטער איין באשיצונגס-בוים פון בילדונג מיט זיי, לאמיר אונזער רעליגיאן רעפארמירען לויט די מנהגים פון זייערע קירכעס, און די שוהלען זאלען זיין ווי קירכעס לויט די רע־ליגיאן פון מאזעס, לאמיר אויס מעקען די אידישע האפענונג פון ציון וירושלים, פון אונזערע געבעט-ביכער, צו וואס ציון וירושלים? זיי, אונזערע קאמעראדען און גענאסען, מיט וועלכע מיר זיצען אונטער איין בוים, קענען נאך חלילה דיינקען אז מיר זיינען ניט קיין ריכטיגע געטרייע בירגער, ניט אמת'ע דייטשען.

אויסגעדאכט האט זיך אז די רעפארעם ראבביים און אסימיליאטארען זיינען געוועזען גערעכט, זייער גוט האט זיך די אידען אין דייטשלאנד געלעבט, געוועזען גוט באשיצט; די הארץ פלעגט פול ווערען מיט פרייד, ווען מען פלעגט אריין קומען פון דער פינסטערער, בלוט באפלעקטער רוסלאנד נאך דייטשלאנד און זעהן ווי רוהיג אידען לעבען דארטען. א דאנק דער בילדונג - בוים. פיעל האבען געטראכט, אז גערעכט זיינען טאקע געוועזען יענע רעפארעם לעהרער און אסימיליאטארען; אמת, אין רוסלאנד האט זיך די לעהרע ניט איינגעגעבען, אידען האבען ניט געקאנט באקומען קיין באשיצונג אונטער דעם — עץ הדעת — ווייל די פאלק איז זייער פראסט, גראב, ווילדע שיכורים, פרימיטיווע חיות, וועלכע ווייסען ניט וואס בילדונג איז.

אבער אזא זאך קען ניט פאסירען אין דייטשלאנד, אין דער געבילדעטער דייטשלאנד, אוואו עס בליהט און וואקסט אזא גרויסער בילדונג-בוים, אזא פארצווייגטער עץ הדעת.

א קלייניגקייט דייטשלאנד? מיט איהר קולטור, דיסציפלין, ארגאניזאציע, ערפינדונגען.

געוואוסט האָבען דייטשישע אידען ווי אָבצושאַצען דיעזע פרייהייט זייערע, זייער בלוט האָבען זיי מיט ציפּרידענהייט פאַרגאָסען פאַר זייער פאָטערלאַנד, זייערע בעסטע מחות האָבען זיי באַנוצט אויף צו העלפען גרוים צומאַכען די דייטשע פאָלק און איהר קולטור.

פיעל צדקה האָבען זיי געטאָהן מיט זייערע ברידער פון אַנדערע אָרימע לענדער, אָבער מיט די צדקה האָבען זיי אויך געדיינקט דאַרפען זיי העלפען פאַרשפּרייטען די דייטשע קילטור, פאַרפלאַנצען אומעדום דעם דייטשען — עץ הדעת, אונטער וועלכע זייערע אָרימע ברידער זאָלען זיך שיצען, אַזוי ווי זיי זיינען באַשיצט.

און ניט נאָר אין די נידעריגע ציוויליזירטע לענדער האָט מען גענומען זייער רעפאָרם-בוים פלאַנצען, נאָר אויך אין די פרייע און ציוויליזירטע לענדער.

מען האָט געוואוסט אַז די שיצונגס-קראַפט פון בוים איז נאָך ניט פאָלקאָם, ווייל אין דייטשלאַנד איז נאָך געווען גענוג שנאה, אַנטיסעמיטיזים צו אידען, אָבער מען האָט זיך געטרייסט אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַ פאַרבייגעהענדע ערשיינונג, פאַר אַן אַנטיסימיטיזים אין זיידענע הענטשקעס אָהן העק, קאָסעס און סערפּעס אין די הענד איז ניטאָ וואָס זיך צו פירכטען.

און דאָס וועט אַנהאַלטען נאָר אַזוי לאַנג ווי עס וועט הערשען קייזערטהום, יונקערייזום אין דייטשלאַנד; ווען דאָס וועט פאַרשווינדען, און סאָציאַלע גערעכטיגקייט וועט הערשען אין לאַנד דורכ׳ן פאָלק, וועט שוין קיין אַנטיסעמיטיזים זאָגאַר אין זיידענע האַנדשוה ניט עקזיסטירען, דאָס וועט זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ענדליך האט מען דאס אויך דערלעבט, דער קייזער איז געווארען אן האלץ-העקער אין האלאנד, און די פאלק פריי.

פלוצלונג האט א גרויסער שטורעם אויסגעבראכען, מיט דונערען און בליצען, מיט א מבול פון בלוט, א היטלער שטורעם,און מיט אמאהל האבען זיך אידען אויפגעכאפט אין א שעהנעם פריה מארגען פון זייער פרייהייטס חלום און האבען דער זעהן, דרייצעהן מיליאן ארגאניזירטע פאגראמשציקעס נאצים מיט העק אין די הענד, וועלכע ווילען באהערשען די דייטשע פאלק, מיט א פראגראם פון פאגראמען און פארניכטונג צו די אידישע בירגער, וועלכע וואהנען שוין דארטען אזוי לאנג. —

די פארפינסטערטע רוסלאנד האט זיך געשעמט צו ערקלערען אזא פראגראם פאר דער גאנצער פרייער וועלט עפענטליך...

צום נייען יאהר איז די גאנצע אידישע פאלק אין דער גאנצער וועלט מתפלל צו השי"ת: "אז ער זאל באשירעמען אונזערע נוטע ברידער, די דייטשע אידען, אז זייערע און אונזערע שונאים זאלען חרפה האבען אויף זייערע מעשים, זייערע הערצער זאלען ריין ווערען פון ברודער-האס, זיי זאלען נים פארפירט ווערען פון זייערע אשמדאי"ס", ווייל דער וואס מהום שלעכטס אידען בלייבט נים אונבאשטראפט, יחידים ווי א גאנצער כלל.

די דייטשע פאלק זאל פארשטעהן, אז אידען זיינען זייערע גוטע פריינד, ווי זיי זיינען דאס אין אלע לענדער צו זייערע מלוכות, און די שונאים פון דייטשלאנד זיינען די אנטיסעמיטען.

יעצט הויבען אן די אידען פון דייטשלאנד און זייערע תלמידים אין דער גאנצער וועלט, צו בעגרייפען אז די ציווילי-

זאציאַן — און פּראַגרעס בוימער זיינען נאָך ניט די ריכטיגע בוימער, אונטער וועלכע אידען קענען געפינען שוץ פון אונ־טערגאַנג און פאַרניכטונג א. ז. וו. דער ריכטיגער בוים איז דער אַלטער אוים געפּרובירטער נאָנקאָנדאַקטאַר, עץ חיים, די אידישע תורה, וועלכע האָט אונז אימער באַשיצט און באַשיצט און וועט באַשיצען אַזוי לאַנג מיר וועלען זיך זאַמלען אונטער איהר.

די זעלבע ערשיינונג וואָס מיר זעהען ביי דעם כלל ישראל, איז אויך צו זעהן ביי דעם פרט, ביי דעם איינצעלנעם אידען:

דער איד ביי וועמען דער עץ החיים איז שטאַרק און טיעף איינגעוואָרצעלט אין זיין נשמה, האַרץ, בלוט, און די וואָרצלען ציהען זיך דורך אַלע רמ״ח אברים ושס״ה גידים פון זיין נשמה בבחינת:

״כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך?״

יעדער גליד אין מיר זאָגט: גאָט, ווער איז ווי דו?

געהט ער זיכער זיין לעבענס וועג, ווי דער משורר זינגט:

״ה׳ רועי לא אחסר, גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי״, (תהלים, כ״ג).

אז גאָט איז מיין שפּייזער וועט מיר נישט פעהלען, זאָגאַר ווען איך געה אין טיעפע פינסטערניש, שרעק איך זיך ניט פאַר אַן אומגליק, ווייל דו ביזט מיט מיר.

און ווי דער נביא פאַרזיכערט:

״אל תירא מפחד פתאום ומשואת רשעים כי תבוא. וכו׳ כי עמנו אל״.

האָב קיין מורא פאַר אַ פּלוצלונגע שרעק און פאַר די פאַרניכטונג פון די רשעים ווען עס קומט, א. ז. וו. ווייל גאָט איז מיט אונז.

ער איז אויך זיכער אַז אַנדערע קולטור-בוימער וועלען ניט איין ברעכען אָדער אויסרייסען זיין אידישען עץ החיים פון איהם. ער מעג וואָהנען אין אַמעריקאַ, ענגלאַנד, פראַנק-רייך, דייטשלאַנד און א. ז. וו. בלייבט ער אַלץ דער זעלבער פעסטער, טרייער איד ווי געווען, קיינע רוחות אָדער אידעען קענען ניט אַוועק בלאָזען אָדער אַרוים רייסען זיין אידישקייט פון איהם.

אויב מיר זעהען אָבער אידען, וועלכע, ווען זיי זיינען געווען אין די שטורעמדיגע לענדער, וואו עס האָט אימער פאַר זייערע אויגען געבלענדעט די פייערדיגע בליצען פון אינקוויזיציעס, אויטאָ-דע-פעס און שייטער הויפענס, וואו עס האָט שטענדיג אין זייערע אויערען געקנאַלט די שרעקליכע דונערען פון פאָגראָמען און גזירות קשות האָבען זיי זיך אונטער'ן — עץ החיים — באַשיצט און גוטע אידען געווען, פעסט ביי זייער אמונה זיך געהאַלטען.

און ווי נאָר זיי זיינען אין די פרייע, פּראָגרעסיווע לענדער געקומען, איז זייער אידישקייט געוואָרען פאַרשוואונ-דען, דער עץ החיים איין געבראָכען אָדער גאָר מיט די וואָרצ-לען אויסגעריסען געוואָרען. איז דאָס אַ סימן, אַז זייער עץ החיים איז קיינמאָהל ניט גענוג שטאַרק געווען, און די וואָרצ-לען ניט טיעף איינגעוואָרצעלט.

און אויב עלטערען ווילען מאַכען זייערע קינדער פעלזען — פעסט קעגען פרעמדע קולטורען, פרעמדע רוחות, זיי זאָלען זיך ח"ו ניט אָברייסען, אָבברעכען, אָבטויטען פון אידישען פאָלק, פון זייער אמונה, פון זייערע עלטערען, און

זיי זאָלען אויך זיין באַשיצט פון אַלע שטורעמס, דונערען און בליצען דורך וועלכע אונזערע שונאים פון אַלע צייטען, אין אַלע לענדער, ציוויליזירטע ווי אונציוויליזירטע, ווילען אונז פאַרניכטען, דאַרפען זיי נאָר איין זאַך טאָהן; נעמליך:

„פאַרפלאַנצען דעם עץ חיים, די תורה, טיעף אין זייערע נשמות און זייערע הערצער אונטער וועלבען זיי זאָלען זיך קענען שטענדיג באַשיצען".

ווייל די תורה איז אַן, „עץ חיים למחזיקים בה ותומכיה מאושר."

דרוש ט.

ליום כפור
דעם כהן גדול׳ס תפלה

די אידישע הויז — כשרות — טהרת המשפחה— געזונדע גופים — אבגעשטארבענע נשמות—שריפת נשמה וגוף קיים — פאלאצען — קברים — אסימי־לאציע — ליידיגע שוהלען — פולע פערגיניגענס פלעצער.

מיין תפלה און וואונש פאר אמעריקאנער אידענטהום צום נייעם יאהר תרצ״ג הבע״ל.

ועל אנשי השרון היה אומר: יהי רצון שלא יעשו בתיהם קבריהם.

ווען דער כהן גדול האט מתפלל געוועזען פאר זיין פאלק ישראל, האט ער א ספעציעלע תפלה געזאגט פאר די מענשען וועלכע האבען געוואוינט אין טהאל, אז זייערע הייזער זאלען ח״ו ניט ווערען זייערע קברים.

ווען איך נעם אמאהל באטראכטען פילע אידישע הייזער אין אמעריקא, דעם אידישען לעבען אין זיי, די טאטעס און מאמעס, און איבערהויפט די אינגערע קינדערלאך ציטער איך אויף, מיין הארץ ווערט פארדריקט פון פיין און מיין נשמה געפינט ניט קיין רוה.

און דעם נביא׳ס פראגע ערשיינט פאר מיינע אויגען:
"שומר! מה מליל? (ישעי׳ כ״א, י״א) וועכטער! וואס וועט זיין די ענדע פון דער פינסטערער נאכט? פון דער אפאטיע, גלייכגילטיגקייט צו אלץ וואס איז געוועזען אזוי הייליג און טהייער, פאר וועלכעס מיר זיינען דורך פייער און וואסער געגאנגען.

איצט ענדע יאהר, ווען יעדער איד איז זיך מתודה אויף אלץ וואס ער האט געטהון דורך דעם פאריגען יאהר, דארפען מיר בכלל אויך נעהמען "סטאק" וואס מיר האבען געשאפען אין פערלויף פון פאריגען יאהר.

צו אונזער גרוים באדויערען און שאנדע האבען מיר אויף קיין וויכטיגע נייע זאך נים אנצווייזען, פארקערט, טויזענטער קינדער, האבען אויך דעם יאהר אזוי ווי אין פריהערדיגע יאהרען קיין אידישע ערציהונג נים באקומען, און זיינען אין פארלויף פון יאהר, פארשטעהט זיך, נאך מעהר פארפרעמדט געווארען פון אידישקייט און אביסעל מעהר פארגרעבט געווארען פון זייער תורה און אידישע מאראל.

הונדערטע אידישע זיהן און טעכטער, באזוכען קריסטליכע אנשטאלטען, סאסייעטים און קלובס, וואו זיי פארברייגגען אין פרעמדע אטמאספערעס, ווייל עס איז ניטא אין א סך שטעדט קיין אידישער, ריכטיגער, גייסטיג, רעליגיעזער צענטער, וואו זיי זאלען קאנען צונויפקומען צוזאמען אין א אידישער אטמאספערע, וואו זיי זאלען הערען אפט, א אידישען ווארט, א ווארימען, וועגען זייער פאלק, קולטור און היסטאריע, וואס זאל זיי שטארקען, אריינברייגגען אין זיי זייער אידישען שטאלץ.

דער פאריגער יאהר האט צו פארצייכענען, צו אונזער גרויסען בעדויערען, א נייעם שמערצליכען צעטעל פון געמישטע חתונות און עלטערען, שוועסטער און ברידער מיט צובראכענע הערצער און פארשעהמטע אויגען פאר דער אייביגער

גרויסער קדושים פאָלק, דערמאנענדיג זיך ווער וועט זיין זייערע איינקלאך ?

אונזער ריינער, אידישער פאַמיליען-לעבען, וועלכער האָט אונז פארהיט פון אַ פולע קראַנקהייטען און פארדאָרבענע זיטען איז פערשוועכט און ממש צוטראָטען; די כשר'ע אידישע קיך איז פארשמוצט מיט נבלות און טריפות און דאָס האָט געבראכט פיל קראנקהייטען פון וועלכע אידען האָבען קיינמאָהל ניט געוואוסט, אַ דאנק זייער כשרות און ריינקייט פון שפייז.

ארץ ישראל בויט זיך, די וועלט העלפט ווינציג, יעדער וויל האָבען מעהר אדער ווינציגער אַ זכות אין דער אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק אָבער עס זיינען פאראנען מענשען און זאָגאר גאַנצע קהלות וועלכע שטעהען ניט אויף דער מאַפּע, דאָס זעלבע פאר רעליעף.

מיליאָנען דאָלארס ווערען געשאפען פאר מיליאנען נפשות צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג און פאַרניכטונג, פון הונגער און קעלט;

"כל המקים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא" (סנהדרין ל"ז ע"א) ווער עס ראטעוועט איין אידישען נפש איז ווי ער האָלט ראטעווען אַ גאנצע וועלט, אבער וויפיל אידען, פארמעגליכע ב"ה, זיינען פאראן, וועלכע העלפען ניט זייערע ארימע ברידער ? עס זיינען פאראן א סך, א סך צום בעדויערען שעהנע בעל-הבתישע הייזער, וועלכע קאָנען פארעכענט ווערען אָלס "ק ב ר י ם" פאַר דער אידישער נשמה. עס איז "שריפת נשמה, וגוף קים", דער קערפער לעבט, געניסט גוד-טיימס, פאַרגעניגענס, אָבער די אידישע, אוי ! די אידישע, נשמה איז פארברענט.

אויב נאָך פאָבליק סקוהל בלייבט א פאָר שעה ליידיג און מען קאָן, אָדער שיקען די קינדער אין אַ אידישען חדר אדער שפילען און צימבלען אויף דער פיאנא וועלען עלטערען, צום

גרעסטען פארדרוס און חרפה, בעסער אויסקלייבען פיאנא צימבלען. די פיאנא פארשעהמט די תורה, די נביאים און די הייליגע אידישע מאראל לעהרע.

און אויב נים פיאנא וועט מען בעסער צווינגען דעם קינד זיך אנצושטרענגען און מאכען צוויי טערמס פאר אמאהל אבער נים אידישקייט לערנען, פאר דעם קומט מען אפ מיט הפטורה אויסלערנען און געגוג.

— די סקול-ביכער פארשיטען די תורה און אלץ וואס עס איז געוועזען הייליג און טייער. —

פוסט און פארלאזען זיינען די שוהלען און בתי מדרשים, אבער פול און לעבעדיג זיינען די טהעאטערס, די מואווי הייזער און די גרינע קארטען טישלאך.

מען וואלט פילייכט געקאנט עפעס טהון אויפצו־לעבען דעם אידישען גייסט אבער דער שטן איז געשטאלט פון מחלוקת, שנאת חנם מיספארשטענדניש, צא־טא־יא פאליטיק זארגען שוין דערפאר אז עס זאל קיין זאך נים קאנען געטהון און געשאפען ווערען.

צום נייעם יאהר גיב איך אוים פון מיין טיפען אנגע־וועהטאגטען הארץ, מיין תפלה פאר גאט: "רבונו של עולם, לב טהור ברא לנו אלקים ורוח נכון חדש בקרבנו"! גיב אונז אידען פון אמעריקא, די פאסטוכער אזוי גוט ווי די געפיהרטע צאן קדשים, א נייעם גייסט, א ריינע הארץ, מיר זאלען פאר־שטעהען אז אויסער די אלע נארישקייטען האבען מיר אידען יעדער איינער עפעס וויכטיגערעס צו שאפען און צו ראטעווען אונזער נשמה איידער עס ווערט צו שפעט.

בענטש אונז, גאטעניו, מיט'ן כהן גדול'ס ברכה: "יהי רצון שלא יעשו בתינו קברינו", עס זאל זיין דיין ווילען, אז אונזערע הייזער זאלען ח"ו נים ווערען קיין קברים, קיין גייס־טיגע קברים.

נור דו רבש"ע קענסט אונז בענטשען מיט דעם. קיין כהנים גדולים אזעלכע, ביי וועלכע דער פאלקס-גליק זאל זיין טייערער פאר זייער אייגענעם "איך" און כבוד האבען מיר ניט, צום בעדויערען, קיין סך.

איך האף אז מיינע ווערטער וועלכע זיינען געשריבען געווארען ניט מיט טינט נור מיט בלוט פון מיין צו-וועהטאגטע הארץ וועלען האבען א אפקלאנג אין די הערצער פון די וועלכע האבען נאך אין זיך דעם אידישען הייליגען און געטליכען פונק.

איך ווינש אלע אידען מיט זייערע פאמיליעס א שנת חיים ושלום, א כתיבה וחתימה טובה, אמן.

דרוש י'

לימים נוראים ולכל השנה. כהנים גדולים מיט זיידענע הענטשקעס.

דער יאָמערליכער געשריי פון דער עזרה: "געהט אַרויס פון דאנען יששכר איש כפר ברקאי" — כהנים גדולים מיט זיידענע הענטשקעס — דעם חורבן וואָס זיי פאַראורזאַכען — דער סוף זייערער — אַ מוסר־השכל פאַר אידישע מנהיגים.

ת"ר ד' צווחות צווחה עזרה. וכו'. צאו מכאן בני עלי שטמאו היכל ה'.

- רש"י שטמאו כדכתיב, אשר ישכבון את הנשים, (ש"א, ב').

ועוד צווחה עזרה: "צא מכאן יששכר איש כפר ברקאי שמכבד את עצמו ומחלל קדשי שמים, (וג"ו פסחים נ"ז).

פיער מאָהל, דערצעהלען חז"ל האָט די עזרה יאָמערליך געשריהען. דעם ערשטען מאָהל איז געווען אין שילה, ווען דער משכן האָט געשריהען אויף די כהנים, די קינדער פון עלי: "געהט אַרויס פון דאַנעט, איהר קינדער פון עלי וועלכע האָבען פערראומרייניגט גאָט'ס היכל, דורך זייערע אוממאָראַלישע אויפפיהרונג מיט די פרויען וועלכע האָבען געבראַכט קרבנות.

אַ צווייטען מאָהל, דאָס איז געווען אין צווייטען בית המקדש, האָט די עזרה געשריהען:

געה ארום פון דאנעט ישׂשכר, דער מאן פון דארף ברקאי, וועלכער איז זיך מכבד און איז מחלל די הימעלשע היילינקייטען.

כאטש דער ערשטער געשריי איז געווען צו די בני עלי, דאך וועלען מיר רעדען פריהער וועגען דעם צווייטען געשריי פון ישׂשכר איש כפר ברקאי.

די סבה פון דעם וועלען מיר ערקלערען ב״ה ווען מיר וועלען רעדען וועגען די בני עלי.

אויף וואס פאר אן אופן האט ישׂשכר איש כפר ברקאי זיך מכבד געווען און מחלל געווען קדשי שמים?

דערצעהלען חז״ל:
״דהוה כריך ידיה בשיראי ועבד עבודה״.

ער פלעגט אנטאהן זיידענע האנדשוה, ווען ער פלעגט טאהן די עבודה. ד״ה כבוד האט ער געוואלט, צו זיין א כהן גדול, דעם העכסטען היילינסטען אמט וואס אידען האבען גע־האט, איז ער געווען צופרידען. די כתר כהונה האט ער מיט שטאלץ געטראגען, נאר טאהן די היילינע עבודת שמים און זיך ח״ו זיינע צארטע הענדלאך און מאניקיורטע נעגעלאך איין שמירען אין די קרבנות און אנדערע עבודות, צו דעם האט ער קיין גרוים חשק ניט געהאט.

און דערמיט האט ער מחלל געווען קדשי שמים, הימעלשע היילינקייטען.

און די ווענד פון דער עזרה האבען עס ניט געקענט איבערטראגען און האבען יאמערליך און פערצווייפעלט גע־שריהען, ״צא מכאן ישׂשכר״, געה ארוים פון דאנעט ישׂשכר, ווער בעט דיר צו זיין א כהן גדול? ווילסטו טראגען זיידענע הענדשקעס קענסטו עס טאהן ביי זיך אין הויז אלעם א פריוואט

מאַן, ווען דו טראַגסט ניט אויף זיך קיין פאַלק׳ס קרוין, קיין כתר כהונה, ווען דו מישט זיך ניט אין אידישע הייליגטהומען, אין דער אידישער עזרה.

די חז״ל דערצהלען אונז ניט, אַז ביי אַנדערע חילול הקודש׳דיגע געלעגענהייטען האָט די עזרה געשריהען צו די מחללים:

״צאו, געהט אַרויס״!

זיי דערצעהלען דאָ ניט, צום ביישפּיעל, דאָס ווען מנשה האָט אריין געשטעלט אַ צלם אין היכל, האָט די עזרה געשריהען: ״צא״, געה אַרויס. ווייל אין יששכר כהן גדול׳ס חילול הקודש ליגט מעהר חורבן צו דער עזרה ווי אין מנשה׳עס.

די פאָלק ווייס וואָס עס איז אַ צלם. און די געטרייע גלויביגע אידען וועלען זיך צו איהם ניט בוקען, זיי וועלען אין אַ בית המקדש וואו דער קעניג איהרער האָט אריין געשטעלט אַ צלם ניט אריין קומען, זיי וועלען געפינען הייליגע ערטער צו דינען גאָט, אין וועלכע עס שטעהן ניט קיין צלמים.

די פאָלק וואַרט מיט אומגעדולד ווען זי וועט בעפרייט ווערען פון איהרע מנשה׳עס, און אויפ׳ן טהראָן ווען אַרויף שטייגען די יאשיהו׳ס, און דאַן מיט גרויס מוט און ענערגיע וואָס האָט זיך אין זיי אָנגעזאַמעלט, ווען זיי דעם צלם אַרויס שליידערן, די פאַלשע מזבחות צו שטייסען, די תרפים און גלולים פאַרברענען, און דעם בית המקדש מקדש זיין, און דינען מיט׳ן גאַנצען הארצען איהר גאָט אין הייליגען בית המקדש, די עזרה וועט וויטער זיין געזיכערט. (עיין מלכים ב׳, כ״ב, כ״ג).

גרעסער איז אָבער דער חילול הקודש פון די יששכר׳ס, פון די כהנים גדולים, וועלכע דערוויטערען זיך פון זייער פאָלק, ווילען אפלו ניט וואָהנען נאָהענט צו זיי, זייערע

היימען מאכען זיי ניט אין ירושלים, נאר אין כ פ ר ב ר ק א י, אין רייכע, ראשקאסנע ליכטיגע, זונען שיינענדיגע פלאצען (—ברקאי — ליכטיג — עיין יומא כ"ח). די פאלק זאל צו זיי ניט קענען צוקומען, נעמען צו דעם כבוד וואס די פאלק אפפערט זיי מיט גרויס הכנעה, טוהען אן די קרוין פון כהנים-גדולים, פאלק'ס-פיהרער, ערלויבען ארויף צושטעלען זייערע נעמען אלעם פרעזידענטען, עהרען-פרעזידענטען, טשערמען פון גרויסע פאלק'ס באוועגונגען, פון וויכטיגע אונטערנעמונגען. אבער אליין טוהען זיי גארניט, ווילען ניט איינשמוצען זייערע הענד, טראגען ווייסע, זיידענע הענדשקעס.

אזא חילול הקודש קען די עזרה ניט פארטראגען. און שרייט, געהט ארוים!

ווייל קרוינען אויף קעפ, וועמענס הענד טראגען זיידענע הענדשקעס, ברייננגען צום חורבן.

די פאלק גלויבט זיי. זי דיינקט אז די געקרוינטע קעפ וועלען שוין אלעם טאהן, אלעם פארזארגען, און אליין טהוט די פאלק גארניט. ווערט פערנאכלעסיגט, אבהענדיג, און ווען די פאלק כאפט זיך — אויב זי כאפט זיך — אדער די כהנים-גדולים טהוען אליין אוים די קרוינען. ווען זיי דיינקען אז זיי האבען שוין גענוג כבוד געהאט, זיי האבען שוין זייערם ערדייכט — דאס וואס זיי האבען געוואלט ערדייכען דורך דער כהונה גדולה קרוין וואס זייער פאלק האט זיי אזוי אמת'דיג און תמימות'דיג אנגעטרויט — אין די הויכע קעניגליכע הייזער, קומען זיי דאך שוין, זייער בענקעל איז דאך שוין צווישען גרויסע מאגנאטען, טו וואס דארפען זיי מעהר?

אן עסק פאר זיי, זייערע ארימע פארצווייפעלטע, נידערשלאגענע ברידער. אן עסק פאר זיי, זייער פאלק'ס אידעאלען, בתי מקדשים, מזבחות, קרבנות, און עבודות.

איך גלייב דאָס איך דאַרף ניט ברענגען פאַקטען. זיי זיינען דאָ געווג אין דער אידישער גאַס. די ישׂשכר'ס, די כהנים גדולים מיט די זיידענע הענדשקעס, איבערהויפּט זיינען זיי פּרוכטבאַר אין דער אַמעריקאַנער אידישער גאַס — אַ דאַנק די פּאָליטישע אומשטענדען אין לאַנד. —

מיר דאַרפען קיין גרויסע לאַמטערנעס ניט אָנצינדען אום זיי צו געפינען, מ'קען זיי זאָגאַר אין דער פינסטער דער־טאַפּען, מיר געפינען זיי, צו אונזער גרויסען בעדויערען, צווישען רבנים און צווישען בעלי בתים, צווישען פּרעזידענטען פון שוהלען און ת"ת, צווישען ציוניסטען און מזרחיסטען, און אגודיסטען, צווישען סאָסייעטי פיהרערס, לאָדזשען און חברות, אַרבייטער און סאָציאַליסטען. אומעדום זיינען זיי דאָ, און פער־אורזאַכען חורבן ר"ל.

איין מיטעל איז פאַר די דאָזיגע כהנים־גדולים פאַראַן — און איידער דער מיטעל וועט געשאַפען ווערען, וועט נאָך גאָט אין הימעל, פיעל חורבן זיי וועלען נאָך דורך זייערע חילול הקודש'דיגע מיט זיידענע הענדשקעס, מעשים פער־אורזאַכען.

דער מיטעל איז: אַז די פאָלק זאָל אַן הייליגע ע ז ר ה שאַפען, אַזוי אַז די אמת איבערגעבענע טרייע און פער־אַנטוואָרטליכע פערטרעטערס זאָלען זיך קאָנצענטרירען.

און פון דער עזרה זאָל אַרויס געהן, די גרויסע צוווחה, צו די אַלע ישׂשכר'ס כהנים גדולים מיט זיידענע הענדשקעס, צו יעדער איינעם בעזונדער:

"צא מכאן ישׂשכר כהן גדול שמכבד את עצמו ומחלל קדשי שמים".

און וואָס פריהער אַזאַ עזרה וועט געבויט ווערען, און וואָס פריהער אַזאַ בת־קול וועט געהערט ווערען אַלץ בע־

סער, דאמאלס וועט מען קענען פארהיטען פון א קאטאסטרא־פאלען חורבן ר"ל.

און יעצט איידער מיר ענדיגען אונזער רעדע, דיינק איך אז עס וועט זיין ניט מעהר ווי רעכט, צו דערצעהלען דיר, מיין ליעבער לעזער, דעם סוף פון ישכר איש כפר ברקאי.

פאלגענדעס דערצעהלען חז"ל. (שם).

דער מלך און די מלכה האבען געהאט צווישען זיך, אדיספוט: "וואסערע פלייש איז געשמאקער. פלייש פון א ציגעלע אדער פון א שעפס", קיינער פון זיי האט ניט געוואלט נאכגעבען, האבען זיי איינשטימיג באשלאסען מען זאל פרעגען ישכר'ן, ער איז דאך א כהן גדול און ברייננט אלע טאג קרבנות, ער דארף וויסען וואס פאר א פלייש איז געשמאקער— באטש צו די קרבנות האט איהם ניט געפאסט, אדער זיך ח"ו נאר געמיאוס'ם מיט הוילע הענד זיך צו צו ריהרען, אבער נישקשה פון א גוטען חלק פלייש פון א קרבן, האט ער געוויס זיך ניט ענטזאגט. —

און ווען מען האט איהם געפרעגט, האט ער אויפ־געהייבען זיין שעהנע, ריינע האנד און מיט א שמייכעלע אנ־געוויזען, אז די מלכה איז גערעכט — ווייסען דען זאל א זשענטעלמאן געבען גערעכט ?

איז דער מלך געווארען אין כעס אויף איהם. צוליעב דעם וואס לא די ער האט ניט געזאגט ווי ער, האט ער נאך געהייבען זיין האנד, וואס איז ניט עטיקעטיש, און נאך צו דעם געשמייכעלט.

ער איז אין די אלע דריי זאכען ניט געווען שולדיג, ער האט דאך געמעגט האבען זיין מיינונג, ובפרט אלעס אויטאריטעט פון קרבנות האט ער ריכטיג איבערצייגט.

ערקלערענדיג מיט א שכל: "אויב א ציגעלע איז געשמאקער, פארוואס ברייננט מען איהר נים אלס קרבן תמיד"?

זיין הייבען די האנד איז אויך נים געווען קיין גרויסע עולה. וואס דען האט ער געזאלט טאהן מיט אזעלכע צארטע נים קיין צו שווער פארהארעוועטע הענד אויב נים קאקעטיש זיי צו הייבען אפט, ובפרט ווען ער רעד צו א קעניגען?

און צוליעב דעם שמייכעל זיינעם, האט אויך דער קעניג נים געדארפט ווערען אין כעס. (עיין ברש"י שם).

דער שמייכעל איז ביי איהם געווארען א צווייטע נאטור, איהם איז דאך אויסגעקומען כסדר צו שמייכלען, אין אנפאנג האט ער געשמייכעלט צום פאלק, כדי זיי זאלען איהם אויסערוועהלען פאר א כהן גדול, דער נאכדעם האט ער גע־שמייכעלט ווען ער איז ערוועהלט געווארען און מען האט איהם אנגעטאהן די כהונה-קרוין, און דער נאכדעם האט ער חוזק'דיג, שפאטיש געשמייכעלט ווען מען האט זיך צו איהם געבוקט און געבעטען ער זאל טאהן די עבודה פאר דער פאלק'ס הייליג־טהומען, פערלאנגענדיג ער זאל אראב ציהען זיינע זיידענע הענדשקעס.

אלענפאלס דעם מלך איז דער שמייכעל נים גע־פעלען געווארען, און ער האט בעפעלען, מען זאל יששכר'ן אבהאקען די רעכטע האנד.

די האנד מיט וועלכע ער האט געדארפט טאהן די עיקר עבודות.

נעלט האט ער געהאט געגוג, ווארום צוזאמען מיט דער קרוין פון כהונה גדולה האט די פאלק איהם אויך רייך געמאכט. והכהן הגדול ואחיו, גדלוהו משל אחיו. האט ער גע־געבען שוחד, אוואו מען האט געדארפט, און אנשטאט די רעכטע האנד, האט מען איהם אבגעהאקט די לינקע האנד.

ווען דער קעניג האט זיך פון דעם דערוואוסט האט ער בעפוילען דאס אויך די רעכטע האנד זאל מען איהם אב־שניידען.

וואס ישמאל כהן גדול איש כפר ברקאי האט גע־פילט, איז איבעריג צו בעשרייבען. מען קען שוין אליין פאר־שטעהן.

ער וואלט שוין יעצט מוחל זיין אויף זיידענע הענטש־קעס, ער וואלט שוין צופרידענערהייד געטאהן יעדער הייליגע עבודה מיט הוילע הענד, עס איז שוין, צום בעדויערען, געווען צו שפעט.

די מעשה׳לע פאדערט ניט קיין ביאורים. אזוי איז אימער די ענדע פון די וואס ענטווישען זייער פאלק. פון די, וועלכע נעמען צו די קרוין פון פאלק, פארשפרעכען איהר צו טאהן ערליך און טריי די עבודה, און נאכדעם טהוען זיי אן אויף זייערע הענד זיידענע האנדשוה.

— פריהער, שפעטער קריגען זיי איבער די הענד. —

און אויב ווער פון אונזערע כהנים גדולים, פון יששכר איש כפר ברקאי׳ס טיפ וועלען לייענען די מעשה׳לע אין דיעזע הייליגע טעג פון תשובה, וועט ניט שאדען אז זיי זאלען זיך א ביסעלע פערטראכטען אין דעם, און אויב זיי ווילען טראגען אידישע פירערשאפט־קרוינען אויף זייערע קעפ, זאלען זיי תשובה טאהן אופריכטיג, אראבציהען די זיידענע הענטש־קעס פון די הענד און טאהן מיט איבערגעבענהייט די עבודה, פאר׳ן גליק פון פאלק און אויך פאר זייער גליק און כבוד.

און זאלען אידישע כהנים גדולים מיט זייער ריינעם אידעאליזום זיין א מוסטער פאר די כהנים גדולים, דינער פון אנדערע פעלקער. און מיט דעם מקדש זיין שם שמים ושם ישראל.

דרוש י"א.

לימים נוראים ולכל השנה.
כהנים מיט גאפלען אין די הענד

דער יאמערליכער געשריי פון דער עזרה צו די בני עלי — געהט ארויס בני עלי וועלכע האבען מטמא געוועזן דעם היכל ה' — וואס איז ווירקליך געוועזן זייער זינד? — כהנים מיט דריי שפיציגע גאפלען אין די הענד — כהנים וואס קוקען פאר זיך צום ערשטען — שלעפען צום ערשטען פון טאפ — דער חילוק צווישען יששכר איש כפר ברקאי און בני עלי — וואס איז פאליטיק? — די גאפלען פון באסעס פון שומרי שבת שעפער — גאפלען פון סוחרים פון בשר כשר — די גאפלען פון רבנים געוויסע און משגיחים פון כשרות — שוהלען, מיט ת"ת אלס זייערע גאפלען — רבנים, הזנים, עמודים און בימות, אלס גאפלען — מאשרום שוהלען, זייער חילול הקודש, אלץ צוליעב דעם גאפעל. —

ת"ר ד' צווחות צווחה עזרה. וכו'.
צאו מכאן בני עלי שטמאו היכל ה'.

(פסחים, נ"ז).

אין אונזער פריהערדיגע דרשה האבען מיר ער-קלערט, ווארום די עזרה האט געשריהען אויף יששכר איש כפר ברקאי. יעצט וועלען מיר רעדען וועגען די בני עלי, ווארום האט זיי די עזרה ארויסגעטריבען?

מיר האָבען פריהער אָרום גערעד וועגען יששכר איש כפר ברקאי, וועגען זיינע זיידענע האַנדשוה וואָס ער האָט געטראָגען בשעת עבודה, כאָטש היסטאָריש איז דער געשריי אויף די בני עלי געווען פריהער, אין שילה. און יששכר איז געווען ביים צווייטען בית המקדש.

ניט ווייל יששכר איז געווען אַ כהן גדול און בני עלי איינפאַכע כהנים. דאָרום האָבען מיר אָבגעגעבען כבוד צום כהן גדול און גערעד וועגען איהם פריהער. ניין, דאָס איז ניט די סבה.

איך גלויב אַז כהנים גדולים, מיט זיידענע הענטשקעס אויף זייערע הענד פון דעם טיפ, פאַרדינען ניט קיין כבוד, און וואָס קנאַפּער כבוד מען גיט זיי אַלעם געזינטער און בעסער פאַר׳ן פאָלק.

די סבה איז אַן אַנדערע: נאָכדעם ווי מיר האָבען אָרום גערעד, אין וואָס עס איז בעשטאַנען דער זינד פון יששכר, פאַר וואָס די עזרה האָט איהם אַרויסגעטריבען, וועט אונז אויך זיין גרינגער צו פאַרשטיין די זינד פון די בני עלי, פאַר ■אָס די עזרה האָט אויף זיי געשריגען, און זיי פאַרטריבען.

חז״ל דערצעהלען דאָ, אַז די עזרה האָט געשריהען:
״צאו מכאן בני עלי שטמאו היכל ה׳״.

געהט אַרוים פון דאַנעט, איהר קינדער פון עלי, וועלכע האָבען מטמא געווען דעם היכל ה׳.

און רש״י ז״ל ברייננגט דעם פסוק פון: (ש״א ב׳), אַוואו עס ווערט אויף זיי געשריבען:

״אשר ישכבון את הנשים, הצובאות פתח אוהל מועד״. ווייל זיי פלעגען זיך אויפפיהרען אונמאָראַליש מיט די פרויען, וועלכע פלעגען זיך פערזאַמלען ביים אוהל מועד.

אין דער אמת'ן איז פאראן אין פסוק נאך א זינד, וועלכען די בני עלי האבען בעגאנגען, געמליך:

"ומשפט הכהנים את העם כל איש זבח זבח, ובא נער הכהן כבשל הבשר והמזלג שלש השנים בידו. והכה בכיור או בדוד או בקלחת או בפרור כל אשר יעלה המזלג יקח הכהן בו, ככה יעשו לכל ישראל הבאים שם בשילה". (ש"א ב', י"ג, י"ד).

אזוי פלעגען זיך די כהנים בני עלי פיהרען: ווען איינער פלעגט בריינגען א קרבן, פלעגט קומען דער יונגער כהן, ווען מען האט געקאכט די פלייש, מיט א דריי שפיציגען גאפעל אין זיין האנד. און ער פלעגט עס אריינשטעכען אין דעם בע־קען, אין דעם קעסעל, אין פאן, אדער טאפ: אלעס וואס דער גאפעל האט ארויף גענומען פלעגט דער כהן צונעמען, אזוי פלעגען זיי טאהן צו גאנץ ישראל, וועלכע זיינען דארטען גע־קומען אין שילה.

ד"ה. אז די בני עלי זיינען געווען פון זעלבען טיפ ווי יששכר איש כפר ברקאי, אויך זיי האבען: מכבד געווען צום ערשטען — זיך — און דורכדעם מחלל געווען קדשי שמים. זייער איך איז געווען ביי זיי פריהער, דער נאכדעם איז גע־קומען דער פאלק, דער משכן, דער מזבח, די קרבנות.

ביי יששכר איש כפר ברקאי האט זיך זיין זעלבסט ליעבע, עגאאיזים, כבוד עצמו, אויסגעדריקט, דורך: "זייד ענע הענטשקעס", און ביי די בני עלי, דורך — א דריי שפיציגען גאפעל, — מיט וועלכען זיי פלעגען פון טאפ, קעסעל און פאן ארויסשלעפען צום ערשטען פאר זיך דעם בעסטען און פעטסטען חלק, און די שריים פאר אנדערע, פאר די אמת'ע בעלי בתים.

וועגען דיעזער זינד וועלען מיר רעדען, וואס איז ווי מיר וועלען באלד זעהן, געווען די הויפט סבה, צוליעב וועלכע

די עזרה האָט געשריהען, "צאו מכאן בני עלי", (עיין במהרש"א ז"ל שם) פון וואָס מיר ווילען אָבלערנען אַ מוסר-השכל אויך פאַר אונז אין היינטיגער צייט, פאַר די כהנים פון דעם טיפ בני עלי.

און אַז מיר וועלען פאַרשטעהן דיעזען זינד וועט אונז קלאָר ווערען אויך די זינד וואָס דער פסוק שרייבט צו צו זיי:

"ואשר ישכבון את הנשים", דאָס זיי פלעגען שענד-ליך בעהאַנדלען די פרויען.

וואָרום אין דער אמת'ן האָבען זיי אַזא זינד ניט בע-גאַנגען, אַזוי ערקלערען חז"ל: (שבת, נ"ה).

"א"ר שמואל ב"ר נחמני א"ר יונתן כל האומר בני עלי חטאו אינו אלא טועה". (עיי"ש).

ר' שמואל בר נחמני זאָגט אין נאָמען פון ר' יונתן, דער וועלכער זאָגט אַז די קינדער פון עלי האָבען געזינדיגט, מאַכט ער אַ גרויסען טעות, נאָר דאָס וואָס איז געשריבען וועגען זיי, "ואשר ישכבון את הנשים", איז:

"ווײַלע די פרויען וועלכע פלעגען ברייגגען זייערע קרבנות-קנין—וואָס איז בעשטאַנען פון טויבען,—פלעגט אוים-קומען שעה'ן צו וואַרטען, פיעל מאָהל צו נעכטיגען איבער דער נאַכט נעבען דער טהיר פון דער עזרה, ווייל די בני עלי האָבען זיך ניט געהיילט מקריב צו זיין זייערע קרבנות, און דורכדעם פלעגען זיי ניט קענען געהן צו זייערע הײמען, איז דאָס צו זיי פאַררעכענט געוואָרען ווי אונמאָראַלישע מעשים. אָבער אין דער אמת'ן זיינען די קינדער פון עלי, חפני ופנחס געוועזען אָרינטלאַכע — כהנים לה' — האָבען ערפילט ריכטיג זייערע פליכטען אַלעם כהנים, געטאָהן ווי מען האָט געדאַרפט, און וואָס מען האָט געדאַרפט.

איז דאָך זייער טאַטע געווען — עלי דער כהן גדול. וועלכער איז שטענדיג, זאָגאר אין דער טיפסטער עלטער, גע־זעסען אויף זיין שטוהל ביים אריינגאַנג פון גאָט׳ס פּאַלאַץ, ביים היכל, און געהיט דעם משכן. ״ועלי יושב על הכסא על מזוזת היכל ה׳״, (שמואל א׳, י׳).

און וואָס עלי האָט גוזר געווען איז מקוים געוואָרען. אז ער האָט צו געזאָגט דער עקרה חנה׳ן אַ קינד, האָט זי גע־האָט אַ קינד, און א... שמואל הנביא.

און ווען מען האָט איהם דערמאָנט די גרויסע מפּלה וואָס די פאָלק האָט ערליטען פון פלישתים האָט ער זיך גע־קענט בעהערשען, ער האָט זיך אויך בעהערשט, ווען מען האָט איהם דער צעהלט אַז זיינע צוויי זיהן חפני ופנחס זיינען גע־שטאָרבען, אָבער ער האָט ניט געקענט אריבער טראָגען דעם צער ווען מען האָט איהם דערמאָנט אַז — דער ארון פון גאָט איז אַוועק גענומען געוואָרען פון די פלישתים — דאַן איז ער אראָב געפאַלען פון זיין שטוהל, צובראָכען זיין קאַרק און געשטאָרבען.

און זיינע קינדער האָבען שטאָלצירט מיט זייער יחוס, חפני ווי פנחס, און געטאָהן די עבודה ווי דער טאַטע האָט זיי געלערענט.

— אפשר חטא בא לידו והכתוב מיחסו? ״פנחס בן עלי כהן ה׳״ — (עיי״ש שבת, נ״ה).

איז דאָך יעצט די פראַגע ווארום האָבען זיי טאַקע ניט ערפילט זייער פליכט פּינקטליך און געלאָזען די פרויען וואַרטען מיט זייערע קינין, טייבעלאַך־קרבנות?

נאָך מיין מיינונג גיט רש״י דעם שליסעל צו ער־קלערען דיעזען רעטעניש:

אויף די ווערטער. כל האומר: „בני עלי חטאו אינו אלא טועה", גיט רש"י ז"ל קיין ערקלערונג, נאר ער איז מוסיף פאלגענדע ווערטער:

„ומיהו בבזיון קדשים חטאו".

ד"ה: כאטש זיי האבען ניט געזינדיגט אין דיעזער זינד, אבער אין דער זינד פון מבזה זיין קדשים האבען זיי יא געזינדיגט.

צוליב וואס דארף רש"י די ווערטער מוסיף זיין? אויב די חז"ל בעמיהען זיך אראב צונעמען דעם זינד, און דעם צווייטען זינד פון בזיון קדשים ניט, פארשטעהט זיך אז זיי אנער־קענען עס.

דארום דיינקען מיר אז רש"י וויל ערקלערען מיט די ווערטער די אויבענדערמאנטע פראגע:

„ווארום זיי האבען זיך ניט געהיילט צו מקריב זיין די קנין, און דורכדעם זאל צו זיי ווערען צוגעשריבען אזא גרוי־סער פארברעכען?"

און דער תירוץ איז פאלגענדער:

„בני עלי, ווי געזאגט, האבען געטאהן די עבודה ריכטיג, נאר איין חסרון האבען זיי געהאט:

„וואס זיי האבען אין זייערע הענד געהאלטען א דריי שפיציגען גאפעל, און ארוים געשלעפט פון טאפ, די ערשטע און בעסטע פארציאנען".

די סבה פארוואס זיי האבען אזוי געטאהן איז, ווייל זיי האבען געדיינקט, אז פאר דער פאר וואס זיי טהוען זייער ארבייט פאר'ן פאלק, זיינען מקריב זייערע קרבנות, קומט זיי באצאהלט צו זיין פון די ערשטע און בעסטע, זיי

קומט די סמעטענע און דעם פאלק די זויער-מילך, און ניט נאר האבען זיי גערענקט דאס זיי זיינען פריהער פאר'ן פאלק, נאר אז זיי זיינען זאגאר פריהער פאר'ן חלק וואס מען דארף מקריב זיין אויפ'ן מזבח, אבגעבען צו גאט. און דארום בעפאר מען האט מקריב געווען די חלב אויפ'ן מזבח האבען זיי אריין גע-שטעקט דעם גאפעל אין קעסעל און צוגענומען זייער חלק.

און ווען די מענשען וועלכע האבען געבראכט די קרבנות האבען זיך ביי די בני עלי געבעטען: "לאזט אונז אפריהער מקריב זיין די חלב אויפ'ן מזבח צו גאט, דער נאכ-דעם נעמט אייער חלק". האבען זיי געסטראשעט אז זיי וועלען נעמען ביד חזקה. (שם, ט"ו, ט"ז).

כהנים קומט א חלק אין קרבנות, גאט אליין האט דאך פארזאגט אז מען זאל זיי געבען מתנות כהונה, און זיי טאקע געבען גוטע חלקים אויך, ווי חזה ושוק, אבער די כהנים דארפען וויסען אז פריהער דארף דער אידעאל פון קרבן פער-ווירקליכט ווערען און דאן דארפען זיי נעמען זייער חלק.

זעלבסט פארשטענדליך: אויב דער כהן טראכט אז ער איז צום ערשטען, זיין חלק דארף ער ארויסנעמען פריהער, הייסט דאך עס, אז דער קרבן בעשטעהט אויפטזעכליך פאר זיינע נוצען, און דאס איז דער עיקר.

און אויב, צום ביישפיעל, עס זיינען פאראנען צוויי קרבנות, פון איינעם קען ער באקומען א חלק און טאקע א פעטען אויך, און פון צווייטען וועט ער גאר ניט באקומען, דארפען ארבייטען אומזיסט, וועט ער געוויס פריהער טהאן די עבודה פון ערשטען קרבן, און לאזען דעם אומזיסטען קרבן אויף דער צייט, ווען ער וועט גארניט האבען צו טהאן ארום גוט באצאהלטע קרבנות.

דאריבער אויב די בני עלי האָבען געהאַט קרבנות פון בהמות, פון וועלכע זיי האָבען געקענט אַבלעקען אַ ביינדעל, און האָבען אויך געהאַט קרבנות קנין, פון טייבעלאַך, פון וועלכע זיי האָבען פאַר זיך גאָרניט געקענט נעמען, האָבען זיי פריהער מקריב געווען די קרבנות פון די בהמות, און געלאָזען די עלענדע פרויען זיך וואַלגערען ביי דער טהיר, פון דעם אוהל-מועד גאַנצענע נעכט, ביז וואַנעט זיי, די בני עלי, וועלען האָבען צייט פאַר אַ זעטיגע אומזיסטע קרבנות, (אח״כ מצאתי שגם הרי״ף ז״ל עין יעקב מבאר כן, ות״ל שכוונתי לדברי גדולים), און אַז דער פסוק האָט געוואָלט אויסדריקען די גרויסקייט פון זייער פאַרברעכען, האָט ער אויף זיי געשריבען די ווערטער:

״אשר ישכבון את הנשים״. וואָס מיינט אַז זיי האָבען געמאַכט ליגען די פרויען גאַנצע נעכט ביים טהיר פון אוהל-מועד, צו וואַרטען מען זאָל מקריב זיין זייערע קרבנות, (עיין ברי״ף, ושאר מפרשים ז״ל עין יעקב).

און דער אויסדריק פון פסוק קען אויך זיין אַן אַנדייטונג אויף זינד. היוצא מדברינו: — ביידע סיי יששכר כהן גדול איש כפר ברקאי און סיי די בני עלי, איז ביי זיי זייער כהונה געווען אַ ציעל מכבד צו זיין זיך זעלבסט, און דורכדעם האָבען זיי מחלל געווען קדשי שמים. — דער אונטערשייד צווישען זיי איז דאָס:

״יששכר האָט געטראָגען הענטשקעס אויף זיינע הענד צו דער עבודה. ד״ה, ער האָט די עבודה ניט געטאָהן ריכטיג ווי דער דין איז.

און די בני עלי האָבען אַלעס געטהאָן ווי דער דין, ווי זייער גרויסער טאַטע האָט זיי געלערענט, נאָר זייער זינד איז בעשטאַנען, וואָס זיי האָבען געהאַט אַ שאַרפען דריי שפּי-ציגען גאָפּעל צו קריגען, אָדער צו נעמען אַליין זייער באַצאָהלט צום ערשטען און פון די בעסטע.

און אויך דאָס ברייננגט חורבן!

דאָס האָט חרוב געמאַכט דעם משכן שילה!

"לא חרבה שילה אלא משום שני חברים ג"ע ובזיון קדשים". (יומא ט׳, ע"א).

און דעריבער האָט די עזרה אזוי יאָמערליך גע־קלאָגט און געשריהען, (צווחה הוא לשון יללה וקינה, עין יעקב, שם).

ווייל זי האָט געזעהן דעם גרויסען חורבן, צו וואָס אזא הנהגה פיהרט.

דאָס איז, צום בעדויערען, דער סוד פון גרויסען חורבן וואָס עס הערשט אין דער אידישער גאָס — על פי רוב — און הויפטזעכליך אין דער אַמעריקאַנער אידישער גאָס.

צו זיין גערעכט צו זיך אַליין און זיין אַ מלמד זכות אויף אונז, איז דאָס ניט אונזער פעלער אַליין, דאָס איז אַן אַלגעמיינער פעלער. ביי אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער, אַוואו מעהר, אַוואו ווינציגער. אין דער גאַנצער פּאָליטישער וועלט, מיט קליינע אויסנאַמען, האַלטען די כהנים, די דינער פון פאָלק גאָפּלען אין זייערע הענד אום אַריין צושטעכען אין טאָפּ, און אַרויסשלעפען דעם געשמאַקסטען און בעסטען ביסען.

יעדער איינעמס ציעל איז צו באַקומען וואָס אַ גרעסע־רען גאָפּעל, אַ שאַרפערען, מיט גרעסערע שפּיצען, און מיט מעהרערע שפּיצען. עס זאָל זיך אויף דעם מעהרער אָננעמען.

ניט איין פאָלק איז חרוב געוואָרען, אָדער האַלט ביים חרוב ווערען, דורך די שפּיציגע גאָפּלען פון זייערע כהנים, משרתים כלומרש'ט פון פאָלק, און מנהיגים. דאָס רופט מען פּאָליטיק, און די פאָלק וועלכע ברייננגט די קרבנות און קאָכט די גרויסע טעפּ מיט די פעטע פלייש ערוואַרטעט עס, פאַר דער פּאַר האָפען זיי אַז אַמאָל וועט זיך אַ דריי טהאָן דער

פּאָליטישער ראַד, און זיי וועלען אריין כאַפּען די גאַפּלען אין זייערע הענד, וועלען זיי אַריין שטעקען אין די טעפּ און קעמ־לען און שלעפּען, און די וועלט האַלט עס ניט פאַר אַ זינד.

אמת, אַזוי איז עס, אָבער מיר דאַרפען ניט פאַר־געסען אַז אונזערע כהנים, פון דער אידישער וועלט, דאַרפען זיין אַנדערש, זיי טאָרען מיט פּאָליטישע טעפּ, גאָרניט האָבען צוטאָהן.

אונזערע כהנים אַרבייטען אין היכל ה׳, און דאָ טאָהר קיין כהנים מיט גאָפּלען ניט זיין, אַזעלכע כהנים, אויב זייער געוויסען איז נאָך וואַך, דאַרפען זיי הערען די געשריי פון דער עזרה: ״צאו״! געהט אַרוים, און אויב זיי ווילען זיין כהנים און טראָגען מיט זעלבסט ווירדע זייער קרוין פון כהונה, זאָלען זיי תשובה טאָהן, און צוברעכען זייערע שפּיציגע גאָפּלען; דאַן וועלען זיי קענען שאַפּען, בויען פאַר זייער פאָלק, ווייל די פאָלק וועט צו זיי האָבען צוטרויען, און זי וועט זיי העלפען.

אין בני עלי׳ס מיט גאָפּלען אין די הענד, האָט ניט די פאָלק קיין אמונה, און ווי ווייט מעגליך דערווייטערט זי זיך פון זיי. ביי יעדעס מאָהל ווען זיי קומען צום פאָלק בעטען צו ברייגגען קרבנות פאַר הייליגע צוועקען, ענטפערט, אָדער עס טראַכט די פאָלק: ״זיי ווילען האָבען אַ שיסעלע אַוואו זייערע גאָפּלען אריין צו שטעקען, און באַקומען זייער חלק״.

אָבער ווען די פאָלק וועט זעהן, אַז זיי האַלטען ניט קיין גאָפּלען אין די הענד, וועט מען זיי העלפען אין זייערע עבודות.

און אויך זיי וועלען באַקומען זייערע מתנות כהונה, ווי דער דין איז, נאָר פריהער זאָלען זיי מקריב זיין די ״חלב לה׳״.

זאָלען מיר זיין וועג־ווייזער צו אַנדערע אומות. זאָגאָר אין דער פּאָליטישער וועלט, אַז אויך ביי זיי זאָלען די כהנים צו ברעכען די גאָפּלען, און צום ערשטען זאָל ביי זיי

זיין די אידעאלען פון ברידערליכקייט, די לאנד-גליק, דער וואוילשטאנד פון די ברידער בירגער, און אויך דער וואויל־שטאנד פון דער גאנצער מענשהייט.

מיר וואלט זיך וועלען פארשטעלען א גאלערי פון בילדער פון כהנים מיט גאפלען אין די הענד. אבער אזוי ווי מיין דרשה ווערט שוין אביסעל צו לאנג, וועל איך זיך באנו־גענען מעהר ניט ווי מיט א פאר שטריכען פון בילדער, און, דו מיין ליבער לעזער, אז דו וועסט וועלען זוכען וועסטו שוין געפינען אזעלכע כהנים אומעדום.

עס זיינען געווען און מסתמא זיינען נאך היינט אויך דא, כהנים וועלכע האבען געוואלט דינען זייער פאלק אין שבת היטען. וואס האבען זיי געטאהן? זיי האבען געעפענט שעפער פאר שומרי שבת. גרויס וואלט געווען זייער ארבייט, און זייער זכות, א קלייניגקייט העלפען אידען אין שמירת שבת. ס'איז אמת, מען האט ביי זיי ניט געארבייט שבת. אבער זיי, די בני עלי, האבען אונדירעקט געבראכט צו חילול שבת, און צו חילול השם, ווייל א סך פון די דאזיגע, פארשטעהט זיך ניט אלע — לא אלמן ישראל פון יראים ושלמים — האבען פון שמירת שבת געמאכט א שארפען, פיעל שפיציגען גאפעל, צו שלעפען דעם ערשטען חלק און בעסטען.

זייערע ארבייטער שומרי שבת האבען געמוזט אר־בייטען פאר קלעגליכע שכירות, לאנגע שטונדען, אין די ערגסטע סאניטארישע באדינגונגען. ניט אלע ארבייטער האבען געקענט ביי שטעהן דעם נסיון, ווייב און קינדער האבען גע־בעטען ברויט און דער לענדלארד רענט, און דער דאקטער זיין געצאהלט, און אין אנדערע שעפער פאר אזוי פיעל ארבייט, האט מען זיך צו עפעס ארויפגעארבייט, איז מען אוועק דארטען.

און ווען א גרינער איז געקומען און ער האט גע־וואלט זוכען אוואו צו ארבייטען און ניט דארפען מחלל שבת זיין, האט מען איהם געוויזען וואס עס ערווארטעט איהם אין

די סוועט־שעפּער פון די שומרי שבת, און מען האָט איהם אוועק געפירט אין די חילול שבת שעפּער.

וועו איז שולדיג אין דעם?

די שומרי שבת באַסעס, מיט זייערע שאַרפע גאַפּ־לען, וועלכע זיי האָבען אויסגעשמיד פון שמירת שבת, צו צו־נעמען פאַר זיך די בעסטע און פעטסטע פון די שבת קרבנות. וואָלטען זיי געווען ערליכע כהנים, האָבען זיי ניט נאָר געדאַרפט געבען זייערע אַרבייטער די זעלביגע באַדינ־גונגען, נאָר פיליכט בעסערע. כדי אַז די היימישע אידען זאָלען בעסער קומען צו זיי אַרבייטען, און ניט ווערען מחללי שבת, און וואָלטען זיי די ערשטע צייטען איידער זיי האָבען זיך אויס־געגרינט געהיט שבת, וואָלטען זיי דאָס שוין שפּעטער — ווען זיי זיינען שוין מעהר באַקאַנט געוואָרען מיט דער לאַנד, און זיי איז שוין געווען גרינגער צו געפינען אַ וועג ווי צו מאַכען אַ לעבען — פאַרטגעזעצט זייער שמירת שבת.

עס זיינען די בני עלי, וועלכע כשרות איז זייערע ביזנעס, און גלאַצען מיט די אייגען ווען זיי רעדען וועגען זייערע כשרות ביזנעס, און אין דער אמת'ן האָבען זיי געמאַכט פון כשרות, גאָפּלען צו צונעמען פאַר זיך די ערשטע און בעסטע חלקים פראַפּיטען פון די פאָלק'ס קרבנות, פון דער פאָלק'ס נשמה, וועלכע ווילען זיך ניט פאַראומרייניגען מיט טריפות און נבלות.

— עס פאַרשטעהט זיך אַז עס זיינען דאַ אויסנאַמען און אַ סך יוצאים מן הכלל וואָס זיי זיינען יראים ושלמים און מיינען באמת ובתמים צו דינען דעם פאָלק אין דער כשרות פראָב־לעמע —

אויב זיי מיינען און ווילען זיין אמת'ע כשרות כהנים, האָבען זיי געדאַרפט טאָהן אַלעס מעגליכעס צו מאַכען, ווי

ווייט מעגליך כשרה ארטיקלען ביליג, אום עס זאָל אפילו די ניט צופיעל פרומע לוינען בעסער צו עסען כשרות, מען זאָל ניט דאַרפען ביי שטעהן נסיונות פון צופיעל איבער צאָהלען.

— כשרה אַרטיקלען דאַרפען קאָסטען עפּעס מעהר, אָבער ניט צופיעל — און דאָס ברייגנט צו חורבן אין כשרות היילינגטהומען. —

עס זיינען דאָ, צו אונזער גרויסען באַדויערען, געוויסע אונפאַראַנטוואָרטליכע רבנים און רעווערענדס, משגיחים און הכשרים געבער, וועלכע האָבען געבראַכט און ברייגנען כאָאָס אין דער כשרות פעלד, דורכדעם וואָס זיי האָבען פון זייערע הכשרים געמאַכט גאַפּלען צו שלעפּען פון כשרות טאָפּ אָדער קעסעל, זייערע מתנות צום ערשטען.

עס זיינען פאַראַנען שוהלען וועלכע האָבען תלמוד תורות אָדער גאָר ישיבות, וואָס איז מעהר ניט אין נאָמען, ווייל זיי האָבען זעכציג תלמידים, אָדער האָבען אַ סך תלמידים, און וויינציג לעהרערס, אַנשטאָט דריי לעהרער האַלט מען איינעם פאַר אַ בזיונות'דיגען געהאַלט, מען צורואינירט אידישע קינ־דער, ווייל מען מאַכט פון אידישען חינוך, פון יונגע אידישע נשמות גאַפּלען, צו קענען מאַכען אַפּילען, אונטערנעמונגען און זאַמלען געלט מיט וועלכע מען זאָל צאָהלען מאַרגיידשעס פאַר די שוהלען, אינטערעס, אָדער דעם זשעניטאָר, און אַזוי ווייטער.

עס זיינען פראַנען שוהלען וועלכע האַלטען רבנים, ניט ווייל מען דאַרף דאָך אַ מורה דרך, צו ווייזען דעם דרך החיים אין וועלכען די פאָלק זאָל געהן. ווען דאָס זאָל זיין דער פאַל, וואָלט מען דאָך זוכען רבנים גדולי תורה יראים ושלמים, וועלכע זאָלען מיט זייער תורה פאַרלייכטען די אויגען פון פאָלק, אַזוי ווי עס אימער געווען איינגעפירט ביי אידען.

ניין, ניט דאָס זוכט מען, מען וויל רבנים וועלכע זאָלען ציהען אַ קראוד, וועלכע זאָלען דרשנען און בשעת מעשה זאָל מען קלאַפען מיט דער צדקה־פושקע, צדקה תציל ממות, אָדער פאַרקויפען מכלומר'שט טיכעלאַך, אַלעס טיקעטס, מען זאָל ח"ו ניט מחלל שבת זיין. און פערשטעהט זיך אַז צו דרשות ביי וועלכע מען קלאַפט מיט אַ צדקה־פושקע אָדער צו וועלכע מען ווערט אריין געלאָזען אין דעם זכות פון נאָז־טיכלאַך דאַרף מען קיין תורה ניט האָבען, בדחנות און פּראָסטע וויצען (דזשאוקס בלע"ז) זיינען מעהר מסוגל פאַר דעם צוועק, אַזעלכע דרשות ציהען מעהר דעם קראוד, און מען קען מאַכען בעסערע געפּלען אריין צו שטעקען אין דער נשמה פון תורה ארויס צו שלעפען דעם ערשטען בעסטען חלק, פאַר אַלץ, נאָר ניט פאַר תורה.

אַזוי צום באַדויערען, און צו אונזער גרוים חרפּה, זיינען בדחנים געוואָרען — רבנים, ראַביים און רעווערענדס, און די בימה נעבען ארון קודש, אַ גאַפּעל. .

דער עמוד, דער הייליגער עמוד, אוואו דער שליח ציבור דאַרף זיין דער אידישער כהן גדול מתפלל צו זיין פאַר דער אידישער פאָלק, פאַר זיינע, דעם חזן'ס שיקערס, לעמוד ולהתחנן, איז געוואָרען אַ גאַפּעל, די אידישע נגינה איז געוואָרען אַ גאַפּעל, דער אידישער קרעכץ און זיפץ אַ גאַפּעל, צו ציהען אַ קראוד, צו פאַרקויפען אַ סך טיקעטס, און פאַר אַ גוטען פּרייז, כדי—לשמוע אל הרנה ואל התפלה,—און אויב דאָס איז דער ציעל, דאַרף מען שוין ניט קוקען צו דער חזן איז ראוי צו זיין מיססיאָן, צו פאַרטרעטען די שטעלע פון כהן גדול, צו קענען זיין אַ שליה — פון צבור, ווי עס פאַדערט דער דין. אַ גאַפּעל צו שלעפּען מיט איהם פון דער תפלה — נשמה די בעסטע פאַרציעס, פאַדערט זיך אַנדערע מעלות.

די מעלות דארף איך דיר ניט זאגען, מיין ליעבער לעזער, קוק זיך איין אין די גרויסע אדווערטייזמענטס, וועגען — עמוד קינסטלער, קעניג פון חזנים, קאנאריקלאך און . . . קאַרוזעס אין די צייטונגען און אויף די ווענד פון די שוהלען, וועסטו שוין וויסען, וואס פאר א חזנים עס איז נויטיג צו מאכען פון זיי און דעם עמוד גאפלען, פאר די בני עלי.

און ניט נאר איז די בימה און דער עמוד געווארען גאפלען, נאר די גאנצע הייליגקייט פון א שוהל, די גאנצע הייליגקייט פון ימים נוראים—די איינציגע דריי טעג וואס מיר האבען געראטעוועט פון אלע טעג פון א גאנץ יאהר, וואס זיינען צו אונזער גרויסען באדויערען כמעט פארברענט געווארען אין דעם אש - זרה פון דיעזער לאנד. — איז אויך געווארען, א גאפעל, פאר אונפעראנטווארטליכע כהנים, מענעדזשערם צו מאכען א פאר דאלאר, און מען נעמט טהעאטערען, און פיקטשור פאלעסעס און טאנץ זאלען און מען מאכט פון זיי שוהלען, פאר די ימים נוראים, און דא אוואו עס קליגגען נאך די געזאנגען פון דזשעז פון נעכטען, ווערט יעצט געהערט דער וויינענדיגער ניגון פון — המלך — קדושה און ונתנה תיכף, אויף דער פאדלאגע (פלאאר) אוואו עס איז נעכטען געטאנצט געווארען אויסגעלאסענע טענץ, ווערט איצטער געטאנצט קדושה. קדוש, קדוש, קדוש ה׳ צבאות.

און אויף דער פלאטפארמע אוואו עס איז נעכטען געשטאנען א אקטריסע מיט א כארום אין חוה׳ס קליידער שטעהט יעצט א חזן, א שליח-צבור מיט א קיטעל און אן אכט שפיציגע יארמעלקע מיט א טלית און זילבערנע עטרה, מיט א קווייער בעפוצט מיט יארמעלקעס אין זיידענע טליתים׳לאך און זינגט:

"ועל כולם אלוקי סליחות, סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו".

און אז איך שמועס שוין וועגן כלי קודש, וויל איך ניט פערביילאזען די געלעגענהייט און אויך דערמאנען "שמשים". איינס: וויל איך זיך מיט זיי ניט איין רייסען, ווארום אויב א רב וויל זיין בעליעבט און ווערען געהאלטען בכבוד פון זיין קאנגרעגיישאן דארף ער לעבען בשלום מיט'ן שמש. צווייטענס, זיינען דאך שמשים פון די כלי קודש, פון דער אגודה: "רב, חזן שמש", אזוי איז געווען אין דער אלטער היים און אזוי איז דא אין אמעריקע.

און אויך דיעזע הייליגע וויכטיגע אינסטיטוציע פון שמשות האבען שוהל מאכערס אויסגעניצט פאר א גאפעל: "צו נעמען שווערע טויזענטערס סעקיוריטי, פאר דעם זכות צו זיין א שמש, און דאן פיעל מאהל, ניט האבען פון וואנעט צום לעבען, און אויך צו פארלירען די שווערע פאר־הארוועטע פאר דאלאר, וואס מען האט אבגעשפארט אין פער־לויף פון פיעלע יאהרען.

געוואלד, רבש"ע! אוואו נעמט מען יעצט א בת־קול, ער זאל א געשריי טאהן צו אלע מינים בני עלי'ם:

"צאו מכאן בני עלי שטמאו היכל ה'!"

געהט ארוים פון דער אידישער עזרה, פון אידישען היכל, איהר בני עלי'ם, וועלכע פאראומרייניגען דעם היכל ה'!

עפען אויף די אויגען פון אונזער פאלק, פון די פשוט'ע אידען אזוי גוט ווי די כהנים, זיי זאלען טאהן תשובה און צו־ברעכען די גאפלען.

און פאר היטען די קדשי שמים.

דרוש י"ב.

תוכחת ה' די פארמעקטע בילד

ווי אַזוי אַ פריינד האָט גערעטעוועט זיין חבר — אַ וואונדערליכער איינפאַל — אָרימע בילדער און רייכע — די סבות ווארום דורך רייכקייט און ערפאָלג אין לעבען אַנטלויפט מען פון היילינגטהום, פון טראַדי-ציע — אַ בילד פון וויטען זעהט אויס שעהנער, מעהר לעבעדיג — די רעזולטאַטען — די וועגען פון השגחה צו מציל זיין פון אויביגען טויט — דער שמיר מיט'ן פענזיל — תשובה.

אמר רב הונא, "הנה טוב מאד" זו מדת הטוב, "והנה טוב מאד", זו מדת היסורין.

וכי מדת יסורין טובה מאד? אתמהא? אלא שעל ידיה הבריות באים לחיי העולם הבא. וכן שלמה אומר:

"ודרך חיים תוכחת מוסר", (משלי, ו').

אמרת צא וראה: איזה דרך מביאה את האדם לחיי העולם הבא? הוי אומר זו מדת יסורין (בר"ר, פ"ט, ס"כ).

רב הונא זאָגט, וועגען דעם וואָס עס שטעהט ביי בריאת העולם, אז גאָט האָט געזעהן, דאָס אַלעס וואָס ער

האָט באַשאַפען איז זעהער גוט. מיינט עס, דאָס אפילו די שלעכ־טעס, די יסורין וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט, איז אויך זעהער גוט. ווייל דורך יסורים ר"ל טוהט דער מענש תשובה און איז זוכה צום אויביגען לעבען, און אַזוי האָט אויך געזאָגט שלמה המלך ע"ה.

דאָס צום — דרך החיים — קומט מען צו דורך— תוכחת מוסר —

א באַרימטער קינסטלער, אַ מאָלער, איז געזעסען אויפ'ן שפיץ פון אַ הויכען באַרג, וועלכער איז געווען אויס־געשפרייט ביים ברעג ים, און געמאָלען אַ בילד פון דער אַרומי־גער שעהנער, וואונדערבאַרער נאַטור, וועלכע איז געווען אַנטפּלעקט פאַר זיינע קינסטלערישע אויגען אין איהר פולען פראַכט און גלאַנץ פון שפיץ באַרג.

אַבאַרבייטענדיג איינינע שעה, האָט ער גענומען געהן אינטערזיך, מיט די אויגען געווענדעט צום בילד, כדי פון וויטענס איהר בעסער צו בעטראַכטען.

זייענדיג פאַרטיפט אין דער בילד, האָט ער ניט באַ־מערקט, ווי ער שטעהט שוין ביים באַרג אַראָפּ. נאָך אַ פּאָר טריט, און ער וועט אַראָפּפאַלען פון שפיץ באַרג גלייך אין ים אריין, און ער וועט זיין פאַרלאָרען.

זיינער אַ פריינד, וועלכער האָט זיך געפונען נעבען דער בילד האָט, באַמערקט די גרויסע סכנה אין וועלכע זיין פריינד, דער אַרטיסט, געפינט זיך. אַנאויגענבליק האָט ער זיך געפונען פאַרלאָרען, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָהן — זיין פריינד צו ראַטעווען. שרייען, כדי איהם צו וואָרענען פון דער געפאַר וואָס איהם ערוואַרטעט, איז שוין געווען צו שפּעט.

צוליב דעם שרעק פון שרייען, וואָלט ער נאָך גע־קענט פיליכט אַ שלעכטען טריט אונטערוויליך טאָהן און

וואָלט דאַן זיין לעבען פאַרלאָרען. אָבער באַלד האָט אַ בליץ געטאָהן אין זיין מח אַ געדאַנק, ווי אַזוי זיין חבר צו ראַטעווען:

ער האָט געכאַפּט דעם פּענזיל מיט די פאַרב, וועלכע זיינען ביי דער בילד געלעגען, און גענומען דעם בילד פאַר־שמירען.

דער אַרטיסט, דערזעהענדיג, וואָס זיין פריינד טוהט, האָט מיט גרוים כעס גענומען לויפען צוריק צום בילד, אום אָפּ־צוהאַלטען זיין פריינד, ער זאָל ניט קאַליע מאַכען און פאַרניכ־טען זיין שווערע אַרבייט.

דאַמאָלט האָט איהם זיין פריינד דערקלערט די לאַגע אין וועלכע ער האָט זיך געפונען. ער האָט, אמת, פאַרלאָרען איינינע שעה אַרבייט, אָבער דורכדעם איז זיין לעבען געראַ־טעוועט.

אומאַרעמדיג זיין פריינד, האָט דער אַרטיסט מיט פריידע טרערען אין די אויגען איהם באַדאַנקט פאַר'ן וואונדער־ליכען איינפאַל אין דעם ריכטיגען מאָמענט. צו פאַרמעקען די בילד און אַזוי אַרום איהם געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט.

דיעזע פּאַסירונג איז אַן אָפּטע ערשיינונג אין לעבען. אַט איז אַ איד, וועלכער איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן העכסטען שפּיץ באַרג פון לעבענס־גליק: געזונד, רייך, אַ גליקליכער פאַמיליען לעבען, גוטע, געראָטענע קינדער, כבוד, און רוהם. אַוואו ער קערט זיך און וואַרפט זיין בליק איז ער נאָר אַרום גערינגעלט מיט צופרידענהייט און גליקליכקייט. זיין לעבען איז אַוואונדערליכע שעהנע בילד, מיט רייכע, פאַרשידענפאַר־ביגע, ליכטיגע קאָלירען.

וועלענדיג זעהן זיין בילד בעסער, דוכט זיך איהם, אַז וואָס ווייטער ער וועט געהן אינטערזיך, ריקוועגס, וועט ער אַלץ זיין בילד שעהנער, פּראַכטפולער און פאָלקאָמענער זעהן. ער נעמט געהן, מאַנכע מאָהל זאָגאַר לויפען, צוריק. אַנט־לויפט פון זיין גאָט, תורה, טראַדיציאָן, פון אַ שוהל און פון זיינע ברידער.

פיעל מאהל טרעפט, דאס האבענדיג מורא מ'זאהל איהם ניט נאכיאגען און וועלען אומקערען צוריק, ווארפט ער לויפענדיג שמוץ, בלאטע און שטיינער אויף אלעם וואס איז הייליג. מאכט פארשידענע בלבולים און מסירות אויף זיינע אייגענע ברדער. פעררעטעט זיין אייגענע בלוט און פלייש. אזוי ארום, דיינקט ער, וועט זיין בילד ווערען פערפאלקאמט. ער לויפט אזוי ביז ער קומט צום ברעג און... ער פאלט אריין, ווערט דערטרונקען אין ים פון אסימילאציאן און שמד ר"ל. טויט אויף אייביג! אבגעריסען פון דער געטליכער אוביג-קייט!

ווי שלמה המלך ע"ה האט געבעטען.

"ריש ועושר אל תתן לי פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ה'?" (משלי, ל' ח')

ד"ה: אזוי ווי איך וויל ניט קיין ארימקייט, מיין לעבען זאהל גאר קיין אוימזעהן, קיין בילד האבען, אזוי וויל איך ניט צו רייך זיין. מיין לעבענס בלד זאל צו שעהן זיין, טא-מער וועל איך פון צופיל זאטקייט נעמען אנטלויפען און לייקע-נען אין גאנצען אין גאט.

צום גליק. ניט אימער דערלאזט דער שומר ישראל, וועמענס רצון איז: "לבל ידח ממנו נדח", אז די וועלכע זיינען צו ווייט אנטלאפען און שטעהען שוין ביים ברעג בארג אט, אט, אראב צופאלען און צו ווערען דערטרונקען, זאלען טאקע ניט ווערען אראבגעשטייסען; גיט גאט א שמיר מיט'ן פענזיל איבער'ן בילד און מיט אמאהל אוים בילד!

דאמאלט נעמט דער איד לויפען צוריק, פארווערטס צו די פונקטען פון וואנעט ער איז אנטלאפען; צו זיין גאט, תורה, טראדיציאן, פאלק און אידישע האפענונגען. אזוי ארום ווערט ער גערעטעט און נעמט פון דאס ניי מאהלען א שעהנעם בילד.

פאקטען וועגען דעם זיינען דא א סך, ביים כלל ווי ביים פרט...

דרוש י"ג.

צדקה — דער קראנקער מאגען
איזהו עשיר השמח בחלקו

די גרויסע פון גאָט געבענשטע מתנה—עשירות—וואָס מיינט שטיינדרייך — פרעהליכע גבירים און אומעדיגע — געלט איז קיילעכדיג ווי אַ ראָד — גבירים ביי וועמען די ראָד קייקעלט זיך אַרויף — און גבירים ביי וועמען די ראָד קייקעלט זיך אַראָפּ — קברים אין וועלכע עס ווערט געהערט געזאַנג — און קברים אין וועלכע עס הערט זיך פאַרצווייפעלטע האַרצרייסענדע געוויין — זייער ביטע פון די ווערים — קברים מיט בלומען און קברים מיט דערנער־קרענץ.

זיצענדיג אַמאָהל אין אַ רעסטאָראַנט האָב איך באַמערקט ווי צוויי מענשען ביי איין טישעל, האָבען געאָרדערט פאַר זיך דינער. אין ביידע האָבען פערלאַנגט די זעלביגע מעניו, וועלכע איז, פאַרשטעהט זיך, זיי געגעבען געוואָרען.

נאָכ'ן עסען באַמערק איך, ווי איינער איז געוואָרען פרעהלאַך, מונטער און לעבעדיג, אַ צופרידענהייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין פנים, און אַ דאַנקבארער שמייכעל אויף זיינע ליפּען צו דער וועלט, און איבערהויפּט צום רעסטאָראַטאָר

פאר דער פאר וואס ער האט פאר איהם אזא געשמאקען דינער צונעגרייט, פון וועלכען ער האט אזוי פיעל הנאה געהאט.

דער צווייטער, פארקערט, איז געווארען אומעדיג, אנגעבלאזען, דער פנים פערקרימט, א זויערע מינע איז געווען צוגאסען אויף זיינע ליפען, עפעס ווי ער וואלט אין כעס געווען אויף דער גאנצער וועלט מיט'ן רעסטאראנט צוזאמען, פאר וואס מען האט איהם א זעטיגע, שלעכטע עסענס געגעבען, שווער געווען איהם זיך צוריהרען פון ארט.

ביידע האבען באצאהלט, און פארלאזען דעם רעס־טאראנט. דער ערשטער איז געגאנגען ריהרעוודיג, פלינק, זיין טראט האט אויסגעדריקט מעהר שטארקייט און פעסטקייט ווי בעפאר, ווען ער איז אריין געקומען.

דער צווייטער — קוים שלעפענדיג זיך, ווי א שווער בעלאדענער וואגען אין א שלעכטער וועג.

ווען דער ווייטער — קעלנער — איז צו מיר צו־געקומען האב איך איהם געבעטען אן ערקלערונג:

"דוכט זיך ביידע האבען געארדערט די זעלביגע מאכלים און משקאות, ביידע האבען באצאהלט דעם זעלבען פרייז, ביידע האבען דיר געגעבען דעם זעלבען טיפ — דרינק־געלט — טו ווארום האסטו איינעם געגעבען גוטע מאכלים און משקאות, וועלכע האבען איהם ערקוויקט, געמאכט פיהלען אזוי גוט, און דעם צווייטען האסטו געגעבען שפייזען און גע־טראנקען, וועלכע האבען איהם געמאכט פיהלען אזוי אומעדיג, אזוי שלעכט?"

"מיין פריינד, ענטפערט מיר דער ווייטער, ניט איך און ניט די עסענס און געטראנקען זיינען שולדיג, צו ביידען איז דערלאנגט געווארען די זעלבע פרישע און בע'טעם'טע שפייזען.

די אורזאַכע פון זייערע שטימונגען דאַרפסטו זוכען אין זייערע מעגענער. דער ערשטער האָט אַ געזונטען מאַגען, וואָס צוקאָכט גוט דעם עסען, צושיקט יעדער סאָרט שפּייז און געטראַנק צו זיין אַבטיילונג, אַוואו עס ווערט בעאַרבייט און אַרויסגעצויגען די וויטאַמינס און ווערען פערוואַנדעלט אין בלוט, און דוכ'ן בלוט — רעזערוואואַר — די האַרץ — ווערט דאָס צירקולירט און צושיקט דורך אַלע אַדערען און נערוועז אין יעדער ווינקעלע פון קערפּער. די פרישע בלוט באַלעבט יעדער גליד, יעדער נערוו און קערט אום צו זיי די פאַרלוסטען פון די לעבענס־שטאָפען, וועלכע זיי האָבען פאַרלאָרען דורך עטליכע שעה פון אַרבייט און באַוועגונג.

זעלבסט פאַרשטענדליך, דאָס ווען דער מענש האָט צוריק באַקומען זיינע פאַרלוסטען, זיך ערפרישט און אָבגע־לעבט, איז ער געוואָרען פרעהליך און מוטהיג.

דער צווייטער האָט, נעבאַך, אַ קראַנקען מאַגען, וואָס אַרבייט ניט גוט, די שפּייז, וועלכע קומט אין איהם אריין בלייבט ליגען פאַר אַ לאַנגע צייט אונבאַוועגליך, און דאָס באַ־שאַפט אין מאַגען עסיד, געז, וואָס דריקען אונטערן לעפעלע, פאַראורזאַכען אַ ברענונג אויפ'ן האַרצען. אַ זויערקייט און ביטערקייט אין מויל, אַ ניט גוטקייט צום חלש'ען.

די בלוט לויפט ניט, צירקולירט ניט ווי עס דאַרף צו זיין; די גלידער באַקומען ניט זייערע נאַהרונגס־שטאָפען, זייערע וויטאַליטעטען אין וועלכע זיי נויטיגען זיך.

די געז, די זויער־שטאָף שפּאַרט אַרויף אויך צום קאָפּ, פאַראורזאַכענדיג קאָפּ שמערצען.

דער מאַגען איז שווער ווי מיט שטיינער אָנגעלאָדען, די גלידער ווי מיט בליי אָנגעגאָסען, דעריבער איז ער אומעדיג, אָנגעבלאָזען.

אין אונזער רעסטאראנט איז די עסענס ערשט-קלאסיגע, הן אין פרישקייט, הן אין קוואליטעט און הן אין געשמאקייט.

אבער עסענס ווי גוט און געשמאק זיי זאלען נישט זיין, איז נישט זייער ציעל צו בלייבען אין מאגען.

פארקערט די גוטסקייט פון שפייז באשטעהט אין דעם, זיי זאלען זיין וואס גרינגער צום פארדייען, אום דער מאגען זאל פון זיי וואס גיכער באפרייט ווערען."

דער אונטערשייד צווישען זיי ביידען — האט דער קעלנער שוין געניגען פילאזאפירען — איז פאלגענדעס:

"ביים ערשטען איז זיין געזונטער מאגען, פעדייעט, און פארצעהרט די שפייז וואס קומט אין איהם אריין."

"ביים צווייטען איז ריכטיג פארקעהרט. נישט דער מאגען פארצעהרט די שפייז, נאר די שפייז פארדארבט און צעהרט אויס ביסלאכוויים דעם מאגען און דעם גאנצען קערפער-סיסטעם דורך זיין פאראורזאכען פארשידענע קראנקהייטען. אבער, אונזערע עסענס, מיין פריינד, זיינען אלרייט, איהר מעגט זיכער אונז אזוי אפט ווי מעגליך באזוכען."

מיט א טהייערע מתנה האט גאט די מענשהייט באשאנקען. א מתנה וואס אנדערע ברואים פילען נישט דעם גליק פון דעם. נישט אלע מענשען זיינען זוכה צו איהר. גליקליך און געבענשט איז דער מענש וועמען דער גוטער גאט האט מיט דער מתנה — אין פארלויף פון דער קליינער און קורצער לעבענס-וועלטיל — באשאנקען.

די מתנה רופט זיך: ע ש י ר ו ת.

מיר דארפען אבער געדיינקען אז רייכטהום, געלט איז נישט קיין ציעל פאר זיך. מען זאל דאס אזועגלייגען אין באנק

אדער סייף, קאסע, עס זאל ליגען ווי א שטיין נים קיין איבער־געקערטער, עס זאל צו איהם אלע מאהל צוּוואקסען זעמדעלאך אין דער געשטאלט פון פראצענט און פראצענט פון פראצענט. דער גאלד־שטיין זאל אימער ווערען גרעסער. און דער מענש זאל ווערען — שטיין־רייך — דאס הייסט: א שטיינערנע, אונבאוועגליכע רייכקייט. — שטיינערנע רייכקייט אויף וועלכע עס וואקסט קיין פרוכט ווי אויף שטיינער. —

רייכטהום מוז צירקולירען, ברייגגען לעבען, געזונד, פרייד און גליק, זעטיגקייט און צופרידענהייט צום גאנצען געזעלשאפטליכען קערפער. צו די אומגליקליכע, נידעריגע שיכטען פון דער געזעלשאפט, אזוי צוזאגען — די פיס — ווי צו די העכסטע — די קעפ — צו — די הענד — ווי צו — די הערצער. —

גליקליך און געבענשט זיינען די מענשען, וועלכע באזיצען געזונטע, גייסטיגע־מעגענער, וואס קענען פארדייען די געטליכע מתנה: "רייכטהום־שפייז", באשאפען געזונטע בלוט און דורך זייערע — גוטע־הערצער — מאכען זיי דאס צירקולירען אין אלע גלידער פון דער געזעלשאפט, ווארום דאס בריינגט ניט נאר גליק, פרייד און ערקוויקונג, לעבען און געזונט צו דער וועלט, נאר נאכמעהר צו זיי זעלבסט.

אך, ווי גוט זיי איז! ווי גליקליך זיי זיינען!

אומעדום זיינען זיי ארום גערינגעלט מיט פריינד־שאפט, ליבשאפט, איבערגעבענהייט, צערטליכקייט און דאנק־בארקייט פון די אלע הונגעריגע, שוואכע, עלענדע און צובראָ־כענע, וועמען זיי האבען אויסגעשטרעקט הילף און ארויסגע־האלפען פון זייערע נויטען און געראטעוועט פון פארצווייפלונג.

גערעט איז קיילעכדיג ווי א ראד, וועלכער דרעהט זיך פון אונטען ארויף און פון אויבען אראפ.

ווען מיר בליקען אויף די קיילעכדיגע מטבעות אין די הענד פון דיעזע גוטע, פרעהליכע און גליקליכע גבירים, זעהען מיר ווי זיי קייקלען זיך ארויף, אלע מאהל העכער און העכער. יעדער קער, יעדער באוועגונג פון דער מטבע הויבט איהר אויף און מאכט איהר שטייגען.

און צוזאמען מיט זייערע קיילעכדיגע מטבעות שטייגען זיי זעלבסט אויפ'ן לייטער פון כבוד, אכטונג, רעספעקט און אנערקענונג אלס, פילאנטראפען, מענשען-פריינד, רעטירערס און גואלים.

דורכדעם וואס זיי זיינען מקיים:

"מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון."

פון שטויב ערהויבען זיי דעם ארימאן און פון מיסט-הויפען דעם באדערפטיגען, ווערט אויף זיי זעלבסט מקוים, דער צווייטער האלבער פסוק:

"להושיבי עם נדיבים עם נדיבי עמו", (תהלים, קי"ג).

גאט זעצט זיי אוועק מיט אלע נדיבים, אדעליגע, מיט די אדעליגע פון זיין פאלק. און זייער שטוהל פון צדקה, חסד, רחמים און מענשען ליבע באקומט אלע מאהל דורך זייערע מעשים טובים מעהרער שטאפלען, אויף וועלכע זיי טוהען אימער שטייגען העכער און העכער.

און אפילו ווען זיי זיינען שוין מעהר אויף דער וועלט, צווישען די לעבעדיגע נישא. בלייבט אויך זייער צדקה-טהראן איבער, וועלכער ווערט אין פארלויף פון דורות ארום גערינגעלט מיט בלומען-קרענץ פון ליבע, אכטונג, אייביגע עהרע און שטאלץ וואס אזא אויבער-מענש, "אדם-העליון" האט אמאהל אויף דער וועלט געלעבט.

און די פרייד און געזאַנג, וואָס זיי האָבען אריין געבראַכט אין די עלענדע הייזער, באַגלייט זיי אין זייער אויבי-גע היימען, און פילען אָן זייערע קברים מיט'ן געזאַנג, און מיט פרייד.

אַזוי ווי דוד המלך ע"ה זינגט:

"יעלזו חסידים בכבוד ירננו על משכבותם". (תהלים, קמ"ט).

די פרומע פרעהען זיך מיט עהרע און זיי זינגען אויף זייערע געלעגערם — די אויביגע.

א צווייטע קלאַס גבירים זיינען פאַראַן, ביי וועלכע זייער געלט ליגט אין ביינק-סייפס, קאַסעס, הייזער און מאָר-גיידזשעס-משכנות.

זיי עסען ניט, פאַרדייען ניט זייער רייכטהום, מאַכען עס ניט צירקולירען, באַשאַפען ניט קיין נייע, פרישע בלוט, ברייגנען ניט קיינעם מיט זייער רייכקייט קיין גליק, קיין פרייד.

וואָס איז דער רעזולטאַט פון דעם?

די וועלט פעראַכטעט זיי, פערשפּאָט זיי, קיינער האָט קיין גוט וואָרט פאַר זיי, קיינעמס הארץ קלאַפּט ניט פאַר זיי מיט פריינדשאַפט און ליבע געפילען. מען קוקט אויף זיי ווי אויף מיאוס'ע, עקעלדיגע ברואים. ווי די חז"ל רופען עס: "עכברא דשכיב אדינרי", (סנהד' כ"ט).

ווי אַ מויז וואָס ליגט אויף גאָלדענע רענדלאַך אין איהר נאָרע. אַליין האָט זי פון די רענדלאַך קיין הנאה און לאָזט ניט אַנדערע פון זיי געניסען.

דער קלאַס גבירים פיהלען זעלבסט די שנאה און פער-אַכטונג — אַטמאָספערע אין וועלכע זיי געפינען זיך, זיי האַלטען אַלעמען פאַר שונאים. דיינקען דאָס קיינער פאַרגינט זיי ניט,

ציטערן דאס יעדערער וויל זייערע גאלדענע רענדלאך פון זיי צונעמען, אוועקרויבען.

דארום זיינען זייערע בליקען ווי אויסגעלאשען, זייערע פנים'ער פארקרימט, עצבות און מרה שחורה ליגט אויף זיי אויסגעגאסען.

זיי זיינען נעבאך עלענדע, אומעדיגע און אומגליקליכע גבירים, און וואס גרעסער און פעטער זייערע ביינק-ביכלאך ווערען, אלץ שטארקער ווערט זייער עלענדקייט און אומעט.

זייער מטבע איז אויך קיילעכדיג, אבער זי דרייט זיך פון אויבען אראפ, מיט יעדער קער און באוועגונג פון זייער מטבע, קייקלען זיי זיך אראפ אלץ נידעריגער און נידעריגער, און זינקען אין זייערע עגאאיסטישע בלאטעס און זומפען, אלץ טיעפער און טיעפער, צו דער וועלטס באדויערען און צו זייער אייגענער שאנדע.

פארגעסען ווערט זייער נאמען אזוי געשווינד, ווי זיי פארמאכען זייערע אויגען און ווערען פארשאטען מיט ערד. מען שעמט זיך גאר צו רעדען וועגען זיי, עס פארדריסט אז אזעלכע ברואים האבען אמאהל געלעבט אויף דער וועלט און געטראגען דעם נאמען — מ ע נ ש. —

און אז מען דערמאנט יא אמאהל דעם נאמען פון אזא מענש זאגט מען: "יא, מען טאהר אויף קיין שוכן עפר ניט רעדען, נאר — זאל ער מיר מוחל זיין אוואו ער ליגט דארטען, זאל זיך איהם גרינג שלוקערצען, זאל ער אנדערע קומען צו חלום, א ליכטיגע שוועבעלע זאל ער האבען, א. ז. וו. — (פאלקס ווערטלאך), אבער עס איז א רחמנות אויף איהם; אזא מענש ער האט דאך געקענט לעבען צו גאט און לייט און ניט געוואוסט ווי צום לעבען.

געלעבט ווי א נאר און געשטארבען ווי א נאר. ווען ער וואלט יעצט איינגעשטאנען פון זיין קבר און זעהן וואס פון זיין פארמעגען איז געווארען. ווי אזוי מען לעבט א גוטען טאג מיט זיין הארעוואניע, ווי עס ווערט פארטאבליעזעט, ווי מען איזדעקעוועט זיך מיט אלעס, וואלט ער צוריק אין זיין קבר אנטלאפען."

און ליגענדיג דארטען אין קבר דערגרייכען צו זייערע אויערען קולות. אבער ניט פון געזאנג, נאר: קרעכצען און זיפצען, געוויינען און קלאגען, וועה-געשרייען און רחמנות געבעטען, פון די אלע אומגליקליכע, וועלכע האבען אמאהל אין זייער פארצווייפלונג צו זיי די הענד געשטרעקט נאך הילף. אבער זיי האבען זיך דאן ביים לעבען ניט צוגעהערט צו די אלע קולות, ווייל זייערע אויערען זיינען פארטויבט געווען פון די גאלד און זילבער קלאנגען. יעצט דערגרייכט צו זיי יענע עכאם אין די קברים שטילקייט.

זייערע אויסגעגלאצטע, בעשערבעלטע אויגען קענען יעצט זעהן שארף און דייטליך יענע פאראומערטע, פאר-חושך'טע און הונגעריגע פנים'ער, בלאסע ליפען, די יאוש'דיגע בליקען, וועלכע האבען אויף זיי געקוקט. דאמאלס האבען זיי דאס ניט געקענט זעהן ווייל זייערע אויגען זיינען פארבלענדעט געווען פון גאלד-גלאנץ.

יעצט אין פינסטערען קבר דערזעהן זיי דאס אלץ. זיי וואלטען וועלען פון די קברים אנטלויפען בדאי אין עק וועלט, אין כף-הקלע, אבי ניט הערען די שרעקליכע מאוים'דיגע, הארצרייסענדע קולות, און ניט זעהן די שטעכיגע, שניידענ-דיגע, פארצווייפעלטע בליקען.

אבער ווי אנטלויפט מען פון קבר?

זיי וואָלטען ווינשען מען זאָל נאָך מעהר ערד אויף די קברים אַנשיטען. גרעסערע שטיינער אויף זייערע קעפּ ארויף שטעלען. פיליכט וועט וועט דאָס פאַרשטיקען די קולות, וועלכע רייסען זיך אַדורך פון יענער זייט קבר, פון דער לעבעדיגער וועלט. פיליכט וועט דאָס אַ גרעסערען אַ געדיכטערען חושך אין קבר מאַכען, אַז זיי זאָלען יענע דורכדרינגענדע בליקען נים קענען זעהן. פאַרוואָס קריכען די פוילע ווערים אַזוי לאַנג־זאַם, ווארום קריכען זיי שוין נים צו צו אונזערע אויגען און זיי אויספרעסען, מיר זאָלען שוין מעהר נים זעהן מים זיי? פאַרוואָס גריזשען זיי שוין נימדורך די אויערען־הייטלאך, מיר זאָלען שון אויפעהרען צו הערען? טראַכטען זיי.

קראַנצען ווערען אויף זייערע קברים געלייגט, נים פון בלומען און רויזען, נאַר פון דערנער און דיסטעלען.

אַזעלכע עשירים מיינען אַז זיי זיינען רייך, אָבער אין דער אמת׳ען זיינען זיי די גרעסטע קבצנים. זיי זיינען אַ סך, אַ סך אָרימער, און זייער אָרימקייט איז נאָך אַ ערגערע פון די אמת׳ע אביונים, וועלכע ווענדען זיך צו זיי נאָך הילף.

דער וואָס האָט אַ קראַנקען מאַגען, וועלכער צו־קאָכט נים,פאַרדייעט נים דעם עסען, איז אַ סך בעסער פאַר׳ן מאַגען און פאַר׳ן גאַנצען קערפער, מ׳זאָל וואָס קנאַפּער שפּייז אין איהם אריין געבען — אַזוי זאָגען דאָקטוירים — אויב נים, איז וואָס מעהרער שפּייז מען לייגט אין מאַגען אריין אַלץ מעהר געזען און גיפטיגע שטאָפען ענטוויקלען זיך פון דעם, וועלכע פאַרביטערען דעם לעבען און פאַראורזאַכען נאָך ערגערע, פיעל מאָהל געפערליכערע, קראַנקהייטען.

דאָס זעלבע מים די אָרימע, אומעדיגע עשירים, וואָס מעהר רייכטהום זיי באַקומען און נעמען אריין אין זייער אונזעטיגער, אימער נים צופרידענער, — בית הבליעה — אַלץ גרעסער זייער עצבות, מרה שחורה און עלענד, און אַלץ מעהר רחמנות, מיטלייד דאַרף מען מים זיי האָבען.

דארום זאָגט דער תנא:

"איזהו עשיר?" ווער איז אַ עשיר? ווּעמען קען מען רופען עשיר? איז דער ענטפער: "השמח בחלקו", דער יעניגער וועלכער איז פרעהליך מיט זיין חלק רייכקייט. דאָס הייסט דער, ווּעמען זיין רייכטהום ברייננט פרייד און גליק. שנאמר, אין פסוק שטעהט: "יגיע כפיך כי תאכל".

אויב דו וועסט עסען די האַריוואָניע פון דיינע הענד, דאָס מיינט: אויב דיין רייכטהום וועט ווערען געגעסען, פאַר־דייעט, וועט צירקולירען, בריינגען, און שאַפען נייע בלוט, נייעס לעבען, פרישע גליק, פרייד און גוטס אין דער וועלט. דאַן, מיין פריינד.

"אשריך וטוב לך" — אשריך בעוה"ז, וטוב לך לעולם הבא — גליקליך וועסטו זיין אויף דער וועלט, און גוט וועט דיר זיין אויף יענער וועלט.

דרוש י"ד

צדקה — דער גלגל החוזר.

א וויכוח צווישען ר' חייא'ן און זיין ווייב — דער גלגל החוזר — עשר בשביל שתתעשר — א גע־שפרעך צווישען א קוואל מיט א סאזעלקע — אין דעם ספר הטבע איז דער טייטש פון די ווערטער גּ עּ בּ עּ ן און נ ע מ ע ן — אנדערש ווי מיר בעגרייפען — אין דער טבע מיינט: גּ עּ בּ עּ ן — נ ע מ ע ן — און נעמען מיינט — גּ עּ בּ עּ ן — די גליקליכע ענדע פון לויפענ־דער קוואל און דער שרעקליכער סוף פון דער סאזעלקע

א"ל ר' חייא לדביתהו: כי אתי עניא אקדים ליה ריפתא, די היכי דליקדמו לבניך. א"ל מולט קא לייטות להו? א"ל קרא כתיב: כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך. (דברים ט"ו). ותני דבי ר' ישמעאל. גלגל הוא שחוזר בעולם. (שבת קנ"א, ע"ב).

ר' חייא האט געזאגט צו זיין ווייב: ווען אן ארי־מאן קומט בעטען ברויט, זאלסטו איהם טראגען אנטקעגען. כדי ווען דיינע קינדער וועט אויסקומען צו געהן איבער די הייזער, ברויט בעטען, וועט מען זיי אויך אנטקעגען טראגען, בסבר פנים יפות.

פרעגט איהם זיין פרוי. סטייטש, ווארום שילטסטו אונזערע קינדער? האט ער איהר געענטפערט: "עס שטעהט ביי צדקה געבען: "כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך"

(דברים, ט״ו). דערפאר וואס דו וועסט טאהן צדקה וועט דיר גאט בענשען. און אזוי ווי אין לשון הקודש איז — גלל — אויך א ראד, האבען די ישיבה לייט פון רבי ישמאל׳ן געלערענט. אז צדקה איז ווי א ראד. אמאהל נעמט דער, און דער צווייטער גיט. און נאכדעם פאסירט אז דאס רעדעלע גיט זיך א דרעה, און דער פריהערדיגער — געבער — ווערט — א נעמער — און דער — נעמער א געבער —

רבי חייא׳ס פרוי, ווי עס ווייזט אויס, איז געבליבען צופרידען מיט זיין לעצטע ערקלערונג, לויט נאך ר׳ ישמאל׳ס דרש. ווארום זי האט איהם שוין מעהר קיין קשיות געשטעלט. אבער איך, פון מיין זייט, בין איך מיט ר׳ חייא׳ס ערקלערונג אויך ניט, אין פלוג, צופרידען, און מיר הארט אלץ די זעלבע קשיא פון:

״מילט קא לייטת להו״? ווארום האט ער זיינע קינדער געשאלטען. ווי קומט א טאטע, נאך אזא טאטע ווי רבי חייא, זיך צו באנוצען מיט אזא סארט אויסדריק אין זיין שפראך?

האבען ניט די חז״ל אונז געלערענט:

לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן״, (ברכות, י״ט), א מענש זאל קיינמאהל ניט אויסלייגען א זאך צום שלעכטען, און זיך ניט באנוצען מיט אן אויסדריק צום שלעכטען.

אמת, עס טרעפט אז אמאהל גיט זיך דער רעדיל א דרעה. אבער דאס פאסירט דאך ניט מיט אלעמען. עס זיינען דאך דא א סך וועלכע לעבען אויס זייערע יאהרען אין עושר וגדולה, און לאזען זייער פארמעגען ירושה צו זייערע קינדער. האט דאך רבי חייא בעסער געדארפט זיך אויסדריקען מיט א ברכה־אויסדריק, און אזוי זאגען:

„טראָג אנטקעגען ברויט צו אָרימע לייט. לאָז זיי נישט וואַרטען, זיי זאָלען זיך נישט פילען פאַרשעמט. ובזכות זה וועט גאָט בענשען אונזערע קינדער מיט עשירות, זיי זאָלען נישט דאַרפען אָנקומען צו פרעמדע מענשען נאָך ברויט."

אזוי ווי זיין צווייטער חבר ר' ישמעאל בר יוסי דרש'עט: (שבת קי"ט, תענית ט') „עשר בשביל שתעשר", גיב מעשר, כדי דו זאָלסט ווערען רייך. דאָס הייסט: ווען דו וועסט געבען מעשר וועט דיך גאָט בענשען, אז דער רעדעלע פון הצלחה וועט זיך ביי דיר אימער דרעהען אַרויף צום פונקט פון הצלחה און עשירות.

כדי צו פאַרשטעהן ר' חייא'ס ווערטער, וועל איך דיר, ליבער לעזער, דערצעהלען א מעשה, אן אַלטע — אויביג — נייע מעשה'לע, אזוי אַלט ווי אונזער אַלטע — אויביג — יונגע וועלטיל, וואָס איך האָב אַמאָהל געלעזען.

אין א שעהנעם פריהלינג טאָג, האָט א וואַנדערער געשפּאַצירט אויסער שטאָדט, ווען ער איז מיעד געוואָרען, האָט ער זיך געזעצט אַברוהען נעבען א באַרג, אוואו עס זיינען גע־שטאַנען גרויסע, צווייגענדיגע בוימער, פול באַדעקט מיט פראַכטפולע, שמעקענדיגע בליהונגען און יונגע, גרינע, פרישע בלעטלאַך. זיין דורשט האָט ער געשטילט מיט די וואַסער פון א ריינעם שטילען קוואַל, וועלכער האָט זאַנפט און דעמיטהיג געקוואַלען צווישען די בוימער. און פון וואַנעט עס האָט זיך די וואַסער רוהיג און געלאַסען צוגאָסען ווי א זילבענער פאָס ווייט, ווייט איבער די לאַנקעס און פעלדער.

א וואונש האָט זיך ערוועקט אין וואַנדערערס האַרץ מיט צוגעהן מיט'ן קוואַל און זעהן אוואו ער געהט. און אזוי האָט ער געטאָהן. ער האָט געזעהן, דאָס אומעדום אוואו נאָר

דער קוואל האט זיך אדורך געצויגען, איז ער פון יעדען איינעם מיט פריידע באגרסט געווארען.

דאס האט אויך געטאהן די שטעהענדיגע סאזעלקע, וועלכע איז זיך געלעגען ברייט צושפרייט איבער'ן פעלד ווי א ברייטער, פעטער, יוםטער בעל הבית, אן אמת'ער בעל גוף. און ווי די טבע פון אזא רייכען בעל גוף, וואס קוקט אויף אלעמען פון אויבען אראב. און וויל דאס יעדערער זאל איהם אבגעבען חשבון פון זיינע מעשים, האט זיך די סאזעלקע ניט באנוגענד נאר מיט איהר באגריסונג, און האט אויך דעם קוואל א פרעג געטאהן:

"וואו געהסטו קוואלכעלע?

"איך געה צום טייך", ענטפערט דער קוואל, "צו געבען איהם מעשר פון מיינע וואסער, מיט וועלכער גאט האט מיר באשאנקען."

"אך! דו נארישער קוואל!" זאגט די סאזעלקע מיט א שטאלצען טאן. "ווייסטו דען ניט, אז מיר האבען געהאט א פארשפעטיגטען פריהלינג, און מיר וועלען דעריבער האבען א זעהר טרוקענעם זומער. און אויב דו וועסט דיינע וואסער אוועקגעבען צו אנדערע, וועסטו דאן אין גאנצען אויסטריקענען".

אבער דער קוואלכעלע האט זיך פאר זיינע סטראשונקעס ניט אבגעשראקען, און אזוי האט ער מיט זעלבסטווירדע צו דער סאזעלקע געענטפערט: "אויב מיר איז טאקע באשערט אין גיכען אבצושטארבען, לאמיך, אלזא בעסער, כל זמן איך לעב און עקזיסטיר, טהאן און ארבייטען פלייסיג פאר אנדערע. אויב מיר איז באשערט ח"ו מיין פארמעגען אין גיכען צו פארלירען. דאן לאמיך בעסער טהאן מיט דעם גוטעס, כל זמן דאס איז אין מיין באזיץ".

דאָס אַבּזאָגענדיג, איז דער קוואַלכעל געשווינד אַוועק זיין וועג. און די סאָזעלקע טראַכט זיך: "ניין! איך וועל זיך ניט צוהערען צו די נאַרישע, אונערפאַרענע רייד פון דיעזען אונפּראַקטישען, קליינעם קוואַל. איך וועל בעסער מיינע וואַסערען איינקלאַמערען און האַלטען פעסט אין מיינע ברעגעם, קיינעם וועל איך פון זיי אַ טראָפּען ניט געבען".

אייניגע וואָכען זיינען פאַרביי, ווידער איז דער וואַנ־דערער אין אַן הייסען ברענענדיגען זומער־טאָג געגאַנגען צום באַרג, וואו דער קוואַלכעל האָט זיך געפונען; און, צו זיין פרייד האָט ער איהם געפונען פריש, לעבענדיג און קוועליג ווי אין פרילינג; פון איהם איז גאַרניט געמונערט געוואָרען.

אמת, די זוהן האָט שטאַרק צוגאָסען איהר היץ, און איהרע ברענענדיגע שטראהלען האָבען אומעדום דער־גרייכט, אָבער צום קוואַל האָבען זיי ניט געקענט צוקומען, ווייל די בוימער האָבען זייערע גרויסע צווייגען פאַרשפּרייט איבער איהם ווי אַ חופּה.

דאָ און דאָרטען, האָט זיך אַ זונען־שטראַל אַדורך געריסען און זיך צושפּרייט איבער'ן קוואַלכעלע, וואָס האָט איהם נאָך שעהנער און בע'חן'טער געמאַכט. פאַרקערט, די זעלביגע ברענענדיגע שטראַהלען, וועלכע זיינען, ווי באַוואוסט, ניט שוה בשוה מיט וואַסער און וואו זיי קענען נאָר אוים־זויגען די פייכקייט טוהען זיי דאָס. האָבען זיך דאָ גאַנץ געמיט־ליך צושפּרייט איבער'ן וואַסער, ווי זיי וואָלטען זיך דאָ אָב־קיהלען און אָברוהען פון זייער שווערע אַרבייט וואָס זיי האָבען געהאַט, דורך צו מאַכען אַזאַ ווייטע רייזע אַזש פון הימעל, פון זייער מוטער־זון ביז דער ערד אין אַזאַ הייסען, ברענענדיגען זומער־טאָג.

די פויגלאך, וועלכע האָבען זייערע נעסטען אין די געדיכטע בוימער געבויט זיינען אַלע מאָהל צוגעפלויגען צום קוואַלענ־דיגען טייכעל זייער דורשט צום שטילען און מיט זייערע אויס־געשוויינקטע, ריינע העלזעלאך האָבען זיי אַ לויב־געזאַנג צום וועלט־באַשאַפער געזונגען און אויך אַ דאַנק צום קוועלכעלע; די גאַנצע געגענד האָט פאַרהילכט פון זייערע האַרמאָנישע גע־זאַנגען און פריילינע צווישטשערייען.

די בלומען, וועלכע האָבען געזויגען זייער זאַפט פון די פייכטע באַוואָסערטע ברעגעס, האָבען זייערע אַראמאַטנע, דופטענדע ריחות איבער'ן גאַנצען געגענד אַרויסגעגעבען, דאָס עס האָט הארץ און זעעלע דערקוויקט.

אויך די חיות פון פעלד זיינען זיך רוהיג און געמיט־ליך געלעגען ביי זיינע ברעגעס אונטער די שאָטענדיגע בוימער.

און די מענשען האָבען גאָט געבענשטפאַר'ן גע־בענשטען קוואַל, וואָס ברייגנט זיי זעטיגונג און שפע.

און אַזוי ווי דאַן, אין אָנפאַנג פריהלינג, אַזוי אויך היינט, אין הייסען זומער האָט דעם קוואַל קיין וואַסער ניט געפעלט און איז אַלץ פריילאַך, מונטער, לעבעדיג און שטיפ־עריש געלאָפען און געלאָפען און מיט צופרידענהייט געטראָגען זיינע וואַסערען צום גרויסען טייך.

ווי אַזוי איז דער וואונדער געשעהן?

דער קוואַל האָט זיינע וואַסערען געשאָנקען צום טייך. דער טייך פון זיין זייט האָט גלייך ווי ער האָט באַקומען די מתנה, אָנגעהייבען צו פליסען צום ים און איהם געשאָנקען זיינע וואַסערען.

"כל הנחלים הולכים אל הים", (קהלת, א' ו').

די זון האָט איהרע שטראַהלען געשיקט צום ים צו באַגריסען איהם. דערפאַר האָט דער מאַיעסטעטישער ים אויך

געשיקט זיינע אונטערטאנען — די פארע — צו באגריסען דער קעניגליכער זון. די פארע הויבענדיג זיך און דער הויך צו דער זון, האבען ביים גרעניץ צווישען הימעל און ערד באגעגענט די גרעניץ — שומרים — די וואלקענס — וועלכע האבען זיי פאר־כאפט און זיי אריין געשלונגען אין זיך. האבען זיך גוט אנגע־טרונקען און געשטילט זייער וואלקענדיגען דורשט. אזוי ארום האבען זיי אויך גענומען נקמה פון דער שטאלצער זון, פאר דעם וואס זי ברענט זיי און שטעכט זיי כסדר אזוי אום רחמנות׳דיג מיט איהרע ברענענדיגע, שארפע שפיזען־שטראהלען.

דער ווינד, דער אויביגער חבר און באגלייטער פון דער זון — דערזעהנדיג וואס די ברויגיזע אנגעכמורעטע, אנגעבלאזענע און אומעדיגע וואלקענס האבען דא געטאהן, אזוי צו באליידיגען זייער מאיעסטעטישע הויכקייטען — די זון און דעם ים — האט זיך האסטיג ארויסגעלאזען מיט זיין ווינדיגע שטארקייט, באפאלען די וואלקענס און זיי אנגעהייבען צו טריי־בען און יאגען פון איין ארט צום צווייטען, און זיי צוגעטריי־בען אזש ביז יענעם בארג אבאו אונזער ליבער קוואל האט זיך געפונען.

דארטען ביים בארג האט דער ווינד גענומען ברעכען, שמייסען די וואלקענס, זיי זאלען אבגעבען די גנבה. און זיי האבען נעבאך, במחילת כבודם, געמוזט אוועק געבען יעדער ביסעלע פארע וועלכע זיי האבען איינגעשלונגען.

די פארע איז ביי זיי אין די מעגענער פארקיהלט געווארען, זיך פארוואנדעלט אין וואסער, וועלכע זיי האבען גענומען אויסגיסען טראפענס־ווייז אויפ׳ן בארג. און פון בארג זיינען זיי אראבגערונען גלייך צום קוואל.

און עס האט גראדע פאסירט, אז די וואלקענס האבען אויסגעגאסען דא. אום זומער, רעגענס, וועלכע האבען זיך ענט־

וויקעלט, דורך די פארע פון ים און דערנאך פון די וואלקענס, פון יענע וואסערען, וועלכע דער קוואל האט אנפאנג פריהלינג געטראגען צום טייך. און נאך מיט פראצענטען א צוגאב אלעס א באלוינונג, איהם געגעבען.

"ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה" *) (בראשית ב' ה') ווידער איז דער קוואל פול, איז וויטער בעשעפטיגט אין טראגען זיינע וואסערען צום גרויסען טייך, שפייזען די בוימער ביי זיין ברעג, זיי זאלען וואקסען הויך און ברייט און בעשיצען איהם פון דער ברענענדיגער זון, א. ז. וו:

דאס איז מיין ליבער לעזער איינע פון די מעשיות, וועלכע דו קענסט לעזען יעדע מינוט פון דיין לעבען אין גרויסען "ספר—הטבע", "נאטורס-בוך" וואס איז פארפאסט געווארען פון בעשעפער אין די ששת ימי בראשית.

ווען דו ווילסט האבען ברויט פון דער מוטער-ערד קענסטו דאס ניט האבען, סיידען דו גיבסט איהר פריער זריעהקערענדלאך.

ווען דו ווילסט א בוים האבען, וועלכער זאל דיר פרוכט ברייגגען מוזטו פריהער א קערענדיל אין דער ערד פלאנצען. דו גיעבסט איהר א קלייניגקייט און זי גיט דיר הונדערטער מאהל מעהר, אבער געבען מוזטו פריהער.

בקיצור, אין דער גאנצער נאטור הערשט איין כלל: "ווילסטו נעמען מוזטו געבען". "געבען מיינט — נעמען און אליין האבען,— ניט געבען מיינט — אליין ניט האבען". —

דער גאנצער "גלגל החוזר בעולם" דער ראד פון דער נאטור, וואס האלט זיך אימער אין איין בעוועגען און דרעהען, איז "פושט צורה ולובש צורה" לערענט אונז דעם גרויסען לעקציאן פון ר' ישמאל ברבי יוסי:

"עשר בשביל שתתעשר"

ווילסטו זיין רייך, מיין פריינד, גיעב מעשר. גיבסטו נים קיין מעשר קענסטו נים רייך זיין.

"ואיש אשר יתן לכהן, דער מענש וואס וועט גע־בען צום כהן דאס וואס צו איהם בעלאנגט. "לו יהיה" וועט ער —זעלבסט—האבען. (עיין רש"י)

רבי חייא האט געהאט זייער א שלעכטע פרוי, וואס פלעגט איהם שטענדיג מצער זיין, און וואס ער פלעגט נור געפינען פלעגט ער דאס בריינגען פאר איהר, אבי זי זאל איהם נים נעגען (עיין יבמות ס"ג); און אויב זי האט אזוי בעהאנ־דעלט איהר מאן, ווערכער האט איהר ארום גערינגעלט מיט כבוד און רייכטהום, און מעהר ווי איהר עגאאיסטישער — איך — האט ביי איהר נים עקזיסטירט.

קענען מיר זיך פארשטעלען ווי זי האט געקוקט אויף ארימע לייט.

האט רבי חייא צו איהר געזאגט אז זי זאל אזוי נים האנדלען. אמת טאקע פאר יענעם דאגה'עט זי זיך נים אבער געבען צדקה מיינט נים אז מען גיט י ע נ ע ם נור מען גיט פאר ז י ך.

דאס האט ער געמיינט מיט זיינע ווערטער:

"אקדים ליה ריפתא לעניא" טראג אנטקעגען ברויט צום ארימאן. מיט שמחה און מיט'ן גאנצען הארצען, טראכט נים, האב נים קיין מורא טאמער וועט דיר אדער די קינדער דורך דעם אויספעלען.

נייז! "כי היכי דלקדמו לבניך" כדי זיי דאס הייסט: "די ג ו ט ס ק י י ט" "דער געבען" זאל אנטקעגען קומען דיינע קינדער און בריינגען זיי גליק און רייכטהום, זיי זאלען נים דארפען אנקומען צו בעטען ברויט.

זוייל "עשר בשביל שתתעשר".

רבי חייא'ס פרוי האָט ניט בעגריפען ר' חייא'ס ווערטער, זי האָט געמיינט אז מיט די ווערטער, "כי היכי דלקדמו לבניך" מיינט ער צו זאָגען אַז, זיי, די מקבלים, זאָלען אויך שפּעטער אנטקעגען טראָגען ברויט צו דיינע קינדער, ווען זיי די מקבלים, וועלען ווערען נותנים און אונזערע קינדער מקבלים. האָט זי איהם געפרעגט, סטייטש, "מילט קאָ לייטות להו", ? ווארום שילטסטו אננזערע קינדער ? ווארום רעדסטו מיט אַזאַ שפּראַך ?

האָט ער איהר דאַן געגעבען ברייטער צו ערקלערען, אַז מיט'ן זאָגען "דלקדמו" זיי זאָלען אַנטקעגען טראָגען מיינט ער ניט זיי, די אָרימע-לייט. נאָר זיי, די גוטסקייט. ווייל ר' ישמאל האָט געלערענט,

"כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך".

— גלגל הוא החוזר בעולם — דאָס איז דער "נאַטור-ראַד". ווי גאָט האָט איין געשטעלט די וועלט; אין דעם — ווערטער-בוך — פון דער נאַטור ווערען די ווערטער פון "נתן תתן" אַנדערש געטייטשט. ניט ווי דער רבי אין חדר און ווי אונזערע ווערטער-ביכער. דער רבי האָט געטייטשט — נתן תתן — געבען זאָלסטו געבען. און די נאַטור טייטשט — נתן תתן — נעמען וועסטו נעמען.

דאַמאָלט האָט זיין ווייב פערשטאַנען און זי איז צו פרידען געווען מיט זיין ערקלערונג און מעהר קיין קשיות ניט געפרעגט .

איך פאַרשטעה, מיין ליבער לעזער, אַז דו וואָלסט מיר וועלען שטעלען אַ פראַגע, לאמר, אַזוי צו זאָגען:

דו ביזט טאַקע, געעהרטער מחבר, גערעכט. פון קוואַל לערנען מיר אב אַ גרויסען מוסר השכל: — אז "געבען" מיינט: "אליין געמען און האָבען", פון וואנעט איז אָבער די ראיה אז ניט געבען" מיינט "אליין ניט האָבען" ? עס קען זיין, אז ווען דער קוואַל וואָלט ניט אַוועק טראָגען זיינע וואסערען צום גרוי־סען טייך וואלט ער אליין מעהר אנגעקוואלען, גרעסער און מעכטיגער געוואָרען, און ער וואָלט שוין יעצט זיין אליין אַ גרויסער ברייטער טייך.

אפשר, איז טאַקע אין דער אמת'ן גערעכט, די פּראקטישע, שטעהענדיגע סאזילקע: אז מען דאַרף ניט געבען, און אז מען קריגט אריין וואסער פון פאַרשידענע קוועלען, ווי רעגען א. ז. וו. דאַרף מען דאָס האַלטען פעסט איינגעשלאָסען אין די אייגענע ברעגעס ?

און דאָס גלייכען ביי מענשען, בעקומט איינער דעם דאָלער דאַרף ער איהם פעסט פאַרשליסען אין זיין קאַסע, שטאַרק פאַר מאַכען זיין האנד, קיינעם ניט געבען, האַלטען עס בעסער פאַר זיך אַליין, נאָר אַזוי אַרום קען אַ מענש עררייכען רייכטהום און גליק.

כדי דיר צו ענטפערען אויף דיין שאלה. קום פריינד, לאמיר מאַכען אַ שפּאַציר צו אונזער קלוגער, פּראקטישער, קאַרגער און עגאאיסטישער סאַזעלקע, זעהן וואָס פון איהר איז געוואָרען ? ווי גרויס איז איהר רייכטהום געוואַקסען ? ווי ברייט האָט זי זיך צו שפּרייט ?

פון האַלטען די וואסער נור ביי זיך אין די אייגענע ברעגעס, איז די וואַסער פערדומפען געוואָרען. בעדעקט געוואָ־רען, מיט גרינע שמוץ איבער איהר געזיכט. ביז די וואסער איז אין גאַנצען קאַליע געוואָרען, שלעכטע ריחות האָבען זיך פון איהר געגומען הערען, מענשען, להבדיל, בהמות, חיות און עופות האָבען איהר אויסגעמידען, ניט געוואָלט מיט איהר אין בערירונג קומען, אויסער שמוציגע חזרים וועלכע פלעגען

זיך אין איהר ריען. שרעקליכע, אומעדיגע שטימען, קוואקט־שערייען פלעגען זיך פון איהר בויך לאָזען הערען פון פער־שידענע פרעש, וועלכע האָבען נעבאך געקלאָגט אויף זייער ביטערען און פינסטערען מזל, דאָס זיי דארפען ביי אזא שמו־ציגע און עקעלהאפטע באשעפעניש זיך אויפהאלטען, פאר־ברייגגען זייער לעבען, זייערע אומעדיגע קוואקערייען פלעגט בייגאַכט אומעט און פחד אויף אַלעמען אָניאָגען, אָבער אויך די פרעש האָבען דאָס לאַנג ניט געקענט אויסהאלטען; ווער פון זיי איז אַנטלאָפען. ווער אויסגע'פגר'ט און דורך דעם איז די שמוץ און שלעכטע ריהות פיעל שטאַרקער און אונערטרעגליכער גע־וואָרען, ווען דער ווינד בלאָזענדיג איז אין בעריהרונג מיט דער סאזעלקע געקומען האָט ער פאַרשידענע קראַנקהייטען פון פון מאַלאַרי, קדחת א. ז. וו. איבער'ן גאַנצען געגענד צוטראָגען; און די מענשען האָבען אימער דער סאזעלקע פאַרשאָלטען.

ענדליך, האָבען זיך די מענשען פאַרזאַמעלט און מען האָט אהר מיט שטיינער פאַרשטיינט, מיט מיסט, זאַמד און ערד פאַרשאָטען, אַז עס איז פון איהר קיין געדעכעניש געבלי־בען. נאָר אַמאָהל, אַמאָהל פלעגען מענשען מיט שרעק, עקעל און אַ קללה איהר דערמאָנען און געדאַנקט גאָט, וואָס זי איז פאַרשאָטען און באַגראָבען אין איהר קבר.

דער נמשל איז גרינג צו פאַרשטעהן...

*) הערה: — ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה. (בראשית, ב׳, ו׳).

תניא רבי אליעזר אומר: כל העולם ממימי אוקינוס שותה. שנאמר: ואד יעלה מן הארץ והשקה. (תענית, ט׳ ב׳).

ר״ל שהמטר היורד לנו על הארץ הם אדים מן הים, שמתקררים בעננים ונעשים טיפי מים.

ועיין בתורה תמימה, פ׳ בראשית על הפסוק: ״ואד יעלה״, מהרב הגאון ר׳ ברוך הלוי עפשטיין שליט״א, ביאור כל המאמר הזה.

דרוש ט"ו.

לשבת תשובה

די אייביג זוכענדע מענשהייט

שובה ישראל עד ה' אלקיך כי כשלת בעונך. (הושע י"ד ב').

וואס זוכט דער כלל און דער פרט פון דער מענשהייט? — עץ הדעת און עץ החיים—די שווערד ביי די מהויערען פון גן עדן — די געטליכע שטימע רופט— אדם איכה? — מענש וואו ביזטו? — ווען וועט די מענשהייט זיך בערוהיגען — געפינען איהר שטרעבונג און ציעל?

ר חנינא בן דוסא אומר: כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקימת. וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו אין חכמתו מתקימת

ר' חנינא בן דוסא זאגט: דער, ביי וועמען מורא פאר א זינד, וואס גאט האט ניט געהייסען טאהן, איז פריהער ווי זיין חכמה, וועט זיין חכמה האבען א קיום, פארקערט, ביי

זועמען חכמה איז פריהער ווי יראת חטא, און אכל שכן ער האט גאר ניט קיין יראת חטא, ביי דעם האט זיין חכמה אויך קיין קיום, קיין פעסטען בעשטאנד.

אין דעם מאמענט ווען דער ערשטער מענש האט זיין גלוסטונג ערפילט, פון די פרוכט פון עץ הדעת געגעסען, צו־ליב וועלכע ער איז פון זיין גן עדן פארטריבען געווארען, און די וועג צום עץ החיים פערלוירען, האט זיך גלייכצייטיג אן אומ־רוהיגקייט אין זיין נשמה באזעצט. וועלכע גיט איהם קיין מנוחה ניט, אימער לעכצט ער, בייגקט, גלוסט צו ערדייכען עפעס, וואס זאל שטילען זיין אומרוהיגען גייסט:

אבער וואס איז דער עפעס? דאס וויים ער אליין ניט, ער קען זיך קיין רעכענונג ניט אבגעבען, ער וויים נאר איין זאך: "ער דארף פארטזעטצען זיין לויפען, פליהען, איילען, יאגען, שטרעבען און ציהלען צו דעם אנבעוואוסטען עפעס.

דא דוכט זיך איהם אז דער עפעס איז מאכט, דא געלט, דא פארגעניגען, דא כבוד, אבער ווען ער האט שוין דערגרייכט צו דער זאך צו וועלכע ער האט אזוי פיעל גע־שטרעבט, דערפילט ער ווידער א פוסטקייט אין זיין נשמה, אן אומצופרידענהייט, ניין, ניט דאס איז די זאך, וועלכע וועט איהם בערואיגען, און ער לויפט ווייטער זוכען, כאפט זיך א צווייטע זאך צו דערגרייכען, און ווען ער איז שוין ביים ציעל ווערט ער ווידער ענטוישט, ניין, ניט דאס האט ער געזוכט, ניט דאס איז דער עפעס.

וואס זוכט טאקע דער מענש? וואס איז דער עפעס?

דער ענטפער איז: ער זוכט דאס וואס ער האט א מאהל געהאט און פארלארען, — זיין גן עדן — "די וועג צום עץ החיים".

צום בעדוירען זוכט דאָס דער מענש דורך קרומע וועגען, און מיט זיינע מעשים היינגט ער נאָך אויף א גרעסע־רען "להט החרב המתהפכת" ביים טהויער, ווערט דורך דעם מעהר פארטריבען פון גן עדן, פון זיין ציהל. ווערט מעהר אומ־רוהיג און זוכט ווייטער.

באמת, איז די וועג זייער גרינג צו געפינען, זי איז נאָהענט נעבען מענשען, ממש מיט׳ן האַנד צו נעמען, נור ער וויל דאָס ניט, דער אומגליקליכער, דער זעהן, און ווען מען זאָגט איהם וויל ער דאָס ניט דער הערען, קערט זיך אָב און זעצט פאָרט זיין אומרוהיגע זוכעניש.

און ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען און דער מענש וועט ענדליך געפונען דעם אייביג זוכענדען עפעס.

וועט ער דאַן דערזעהן אז אומזיסט האָט ער זיך אזוי פיעל אַנגעשטריינגט אין זיין זוכעניש, ווייל ער האָט דאָך דאָס געקענט אזוי גרינג האָבען.

דאָס דער מאנט אונז אין דער הגדה פון אשמדאי:
ער האָט געלאכט, זעהענדיג אכישוף מאכער מאכען כישוף, און אז בניהו בן יהוידע האָט איהם געפרעגט די אורזאכע פון זיין לאַכען, האָט דער אשמדאי געענטפערט: דער מכשף מאכט צויבער קונסט מסתמא צו בריינגען צו זיך רייכטהום פון דער ווייטען, אין דער צייט וואָס אין דער ערד אונטער איהם ליגט באהאלטען א קעניגליכער אוצר.

די וועג ווי אזוי צוריק צו געפינען זיין רוה, זיין גן עדן, זיין עץ חיים איז אפשוט׳ע, נעמליך: צו דער ווייטערען די סבות, פאריכטען די פעלערין, וועלכע האָבען איהם פארטריבען פון זיי. טהאָן מעשים, וועלכע זאָלען אראָב נעמען דעם — להט החרב המתהפכת — פון די שערי גן עדן.

אויב איינער האט געגעסען שעדליכע שפייזען און איז קראנק געווארען, פערשטעהט זיך אז ער קען ניט געזונד ווערען כל זמן ער וועט פארטזעטצען זיי צום עסען.

וואס וואלטען מיר טראכטען פון אזא מענשין, ווען ער זאל ניט אויפהערען צו עסען די שלעכטע שפייזען און ער זאל נאך צו דעם ערקלערען, דאס ער עסט און וועט זיך בעמיהען אויך ווייטער זיי צו עסען וואס מעהר, כדי דורך דעם געזונד צו ווערען?

אזא מענש וואלטען מיר זאגען איז זיין ארט אין א משוגעים אנשטאלט.

אויב דער מענש איז פון גן עדן געווארען פארטריבען, פון עץ החיים אוועקגעריסען, ווייל ער האט ניט צו געהערט צו דער שטימע פון גאט, געגעסען פון עץ הדעת קעגען דעם רצון ה׳, אנטלאפען און זיך בעהאלטען פאר גאט, טו ווי אזוי קען ער זיי צוריק געפינען ווען ער האלט אלץ אין עסען עץ הדעת און אנטלויפען פון גאט?

אמר ר׳ אבא בר כהנא, ואכלתי אין כתיב כאן אלא ואוכל, אכלתי ואוכל (בר״ר פ׳ י״ט).

און דער משוגענער מענש דיינקט: אז וואס גרעסער ער וועט ענטוויקלען דעם עץ הדעת, וואס מעהר שעהנערע פרוכטען ער וועט פון איהם בעקומען, און וואס ווייטער ער וועט אנטלויפען און זיך באהאלטען פון גאט אלץ געשווינדער וועט מען צום עץ החיים צו קומען און די ערד פאר א גן עדן פערוואנדלען.

גרוים איז היינט דער עץ הדעת, דער בוים פון וויסענשאפט, פון וועלכען דער מענש עסט זיינע פראכטפולע פרוכטען..

זיינע צווייגען האבען זיך צו וואקסען איבער די וואל־קענס, וואו דער מענש פליהט ווי א פויגעל מיט זיינע לופט

שיפען. ציהען זיך צו די ברייטע הימלען, וואו דער מענש זוכט מיט זיינע טעלעסקאפישע און אסטראנאמישע אויגען, זיינע ווארצלען שלאגען טיעף אין די ימים, וואו דער מענש שווימט ווי א פיש מיט זיינע סאבמארינס, שניידען זיך אין די טיעפע אבגרונדען פון דער ערד, אוואו דער מענש קריכט ווי א ווארים ארויס צו ברענגין פון דארטען אלע אוצרות פאר זיין גענוס און קאמפארט.

ער רעדט מיט זיין חבר פאר טויזענטער מיילען, אזוי ווי אין זיינע אייגענע ד״ אמות. דורך זיין טעלעפאן און ראדיא.

ער וועט שוין באלד קענען זעהן פאר טויזענטער מייל דורך זיין טעלעוויזישאן.

אומעדום זוכט ער, נושטערט ער, פליהט, שווימט מיט מיט די גרעסטע מסירת נפש איבער קאלטע, טויטע ימים און אייז-בערג צום נארטה-פאל, צום סאוטה-פאל, אפשר וועט ער דארטען אין דער אייביגער, אייזיגער, שניי ווייסער, טויטער, מיסטיש-סודות-דיגער שטילקייט געפינען דעם סוד ווי אזוי צו צו קומען צו די טהויערען פון גן עדן און צו דער וועג פון עץ החיים.

אבער אומגליקליכער, עלענדער מענש, אשאד זיין מיה, זיינע מסירות-נפש׳דיגע קרבנות: הענד, וועלכע האלטען זיך נור ביין עץ הדעת, וועלען די טהויערען פון גן עדן ניט עפע־נען און צו די פרוכט פון עץ החיים ניט ערגרייכען, מעגען זיי ווי שטארק זיך ציהען און שטרעקען צו זייער ריכטונג. ווייל דער מענש זעלבסט הייגנט אויף א ״להט החרב המתהפכת״ אויף די טהויערען פון גן עדן, וועלכע לאזען איהם ניט דארטען אריין קומען.

כל זמן דער מענש וועט זיין אין דעם מצב, אז ער וועט טרייען זיך צו בעהאלטען פאר גאט. און גאט׳ס שטימע

וועט איהם דארפען נאָכרופען : "אדם איכה"! מענש וואו ביזטו ! וועט ער קיין אמת'ע רוהיגקייט, שלום, גליק, ליבע און צופרידענהייט ניט געפינען.

ער וועט עס נור דאן געפינען ווען ביי איהם וועט זיין : "בקשו את ה", זוכען אלעס "מיט גאָט".

"בקשו פניו תמיד" אז שטענדיג אומעדום, אין יעדער חכמה, אין יעדער פרי פון עץ הדעת וועט מען זוכען און געפינען דעם — פני ה". —

ווען עס וועט זיין : "השכל וידע אותי נאום ה' " אז די אלע השכלות און דעות וועלען צופירען, ברייננען צום "אותי" מורא האָבען פאר גאָט, ליעב האָבען גאָט, ניט זינדיגען, ניט טאָהן זאכען קעגען דעם רצון ה'.

ווען דער עיקר, דער אָנפאנג פון אלעס וועט זיין —יראת חטא—און מיט זיין חכמה וועט דער מענש זיך בענוצען צוצוקומען צו דעם, דאַן וועט זיין — חכמתו מתקיימת — ד"ה: זיין חכמה וועט זיין — אַ קיום-דיגע,— וועלכע וועט ברייננען צו דער וועלט — קיום — עקזיסטענץ און רוהיגקייט.

דאמאָלס וועט דער מענש געפינען דעם לאנג געזוכטען עפּעס.

זיכער בין איך אז דער מענש וועט סוף כל סוף געפינען די אמת'ע וועג פון קיום און גליק, דער מענש וועט ענדליך דערהערען די געטליכע שטימע וועלכע רופט צו איהם.—"שובה ישראל עד ה' אלקיך". קום צוריק ישראל צו דיין גאָט, ווארום "כי כשלת בעוונך." צו פיעל ביזטו געשטרויכעלט, געפאַלען, צומזיק'ט געוואָרען, מיט דיינע אַלע חכמות, בעוניך, דורך דיינע זינד, דורך דיין אנטלויפען פון גאָט.

יע ! ענדליך וועט ער געפינען זיין אייביג זוכענדען עפּעס.

אָבער רבש"ע ווען ? ? ?